אויסצוג פון אַן אַרטיקל, „אַראַבער, ישׂראלים און מאָראַל", אין „ניו סטייטסמען"
פון 2טן יוני, 1967

„עס איז קלאָר וואָס פאַר אַ ליניע דער מערב דאַרף אָננעמען. דער מערב זאָל אומצווייידייטיק דערקלערן זיין אונטערשטיצונג, אַז מדינת ישׂראל האָט אַ רעכט צו עקזיסטירן אַלס אַ שטאַאַט און באַהאַנדלט צו ווערן צוגלייך מיט אַנדערע אינטערנאַציאָנאַל אָנערקענטע שטאַאַטן. צווייטנס, די עקזיסטירנדיקע גרענעצן זאָלן גאַראַנטירט ווערן מיטן תּנאַי, אַז שינויים זאָל מען אַדורכפירן בלויז אין דער ראַם פון אַן אַנטגילטיקן שלום־אָפּמאַך. דריטנס, מיר דאַרפן אויפסניי באַהויפּטן ישׂראלס רעכט צו די אינטערנאַציאָנאַלע ים־וועגן, וואָס זאָל אויך איינשליסן דעם סועץ־קאַנאַל און דעם עקבה־אויסגוס. דאָס אַלץ זאָל געזאָגט ווערן אין אַ קלאָרערער שפּראַך ווי מיר האָבן מיטוואָך געהערט פון אונזערע מיניסטאָרן (דעם 31סטן מאַי, 1967).

עס איז צופיל צו האָפן, אַז רוסלאַנד וועט זיך אָנשליסן אין אַט אַזאַ דעקלאַראַציע, אָבער נישט צופיל צו רעכענען, אַז רוסלאַנד וועט עס האַלטן פאַר קליגער נישט צו שטעלן קיין מכשול אויפן וועג, אויב זי וועט עס ווייסן בולט קלאָר, אַז טאָמער איז עס נויטיק וועט מען אָנווענדן כּוח אַדורכצופירן אַט אַזאַ באַשלוס. דער מערב האָט אַ לעצטן שאַנס צוריקצוגעווינען זיין מאָראַלע רעפּוטאַציע, וואָס איז אים פאַרלוירן געגאַנגען אין וויעט־נאַם".

## עלא זילבערג

### סאַבראַס (געווידמעט דעם יונגן חלוץ גרשון)

אונטער ציונס בלאָען הימל,
שפּראָצט אַ נייער דור אַצינד,
בלאָע אויגן, בלאָנדע קעפּלעך,
סאַבראַס רופט מען ציונס קינד.

ניט געבויגן, ניט דערשראָקן,
שטאָלץ און פריי מיט העלדיש מוט,
בויט און פלאַנצט דאָס לאַנד דער סאַבראַ,
טרונקט דעם זאַמד מיט שווייס און בלוט.

מיט די קי און מיט די קעלבער,
מיט די הינער און זיין פערד,
מיט זיין הייזל און זיין גערטל,
קעמפט פאַר יעדן הויפן ערד.

ער פאַרוואַקסן איז אין איינעם,
מיט ביים און בלום, מיט וואַלד און פעלד
אָפּגעבן וועט ער עס קיינעם
פאַר קיין אוצרות אין דער וועלט.

דאָ אין לאַנד איז ער געבאָרן,
דאָ פאַרבלייבן ווערט ער שוין
קיינער ווערט אים ניט פאַרטרייבן,
סאַבראַס הײם פאַרבלייבט ציון.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 7־8 (העפט 427־8) אַכט און צוואַנציקסטן יאָר יולי־אויג. 1967 לאָנדאָן

אינהאַלט

די עיר עתיקה, די זעקס טעג, פאַרן שלום פון דער וועלט, געקניפּט און געפּלאָנטערט, ירושלים ..... *** 1
לכבוד די גאולה פון ירושלים ..... יעקב ריכטיגער 16
דער ווינט הערט (ליד) ..... יוסף לעפּטוויטש 20
דעם גורלס ליבלינג (דערציילונג) ..... יוסף ד. באַסט 21
דריי זיינען זיי געווען (ליד) ..... שמואל והייט 25
בראשית — אין אָנהייב (המשך) ..... א. נ. שטענצל 26
יידן און ישׂראל ..... אייזיק גאָלדבערג 35
לאַנד ישׂראל ..... מ. ניסענבוים 38
די קלאָג מויער (פּאָעמאַ) ..... מאַריאַן האַמער 39
דער זילבערנער שפּיגל פון ישׂראל, דאָס יידישע טעאַטער .....
אין ישׂראל היינט צוטאָג ..... עלען ווינאַגראַד 43
שיין ווי אַ חלום (ליד) ..... דוד בערמאַן 48
כ'האָב ליב (ליד) ..... דאָראַ טייטלבוים 49
יידל גאָלדבערג, אסתּר סאָלאָמאָן .....
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס .....

אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל
פּרייז 2 שילינג

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*

מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַמענט אָפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 8־7 (העפט 8־427) אכט און צוואנציקסטן יאר יולי־אויג. 1967 לאנדאן

## די עיר עתיקה

פאר רעליגעזע יידן איז ירושלים להלכה: די עיר הקודש שלא פסקה קדושה ראשונה. פארן נאציאנאלן ייד איז ירושלים די עיר דוד, וואס האט די יידישע שבטים פאראייניקט אין די אומה. פאר קולטור־יידן, פארן שעפערישן יידישיסט און פאר „עמך" איז ירושלים דער מקור פארן יידישן מיטאס: פארן ערשטן שוין פון אונזערע אבות, האט מלכי צדק מלך שלם קעניגלעך אקייגנגעטראגן ברויט און וויין. עס איז דער הר המוריה, ווו ס'האט אויפגעהערט מיט מענטשן אפערונג: „אל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה".

אפילו אויף א שטיין טאר מען נישט אויפהייבן א האק אויף דעם הייליקן ארט און ווען שלמה המלך האט אויפגעבויט דעם ערשטן בית מקדש, האט ער מיט זיין גרויסער חכמה דאס שמיר־ווערעמל געפונען, וואס דערמיט האט מען געשפאלטן די שטיינער און זיי־ געטעסעט פארן הייליקן טעמפל.

די מעשות פון תנ"ך, פון תלמוד און פון די מדרשים און די יידישע לעגענדעס און פאלקלאר־ווערטלעך מכוח ירושלים ביזן היינטיקן טאג, איז דאס ברויט און וויין וואס זעטיקט אונזערע געמיטער און דערפרייט און באוויסט אונזערע הערצער, שוין הונדערטער דורות.

ירושלים איז צו הייליק, אפילו פארן נישט ייד, אז ס'זאל ווערן אן אבן־נגף פאר פאליטיק, זי איז איצט אפנים דער גרויסער נסיון פארן מענטש נצול צו ווערן פון א לעצטער עקדה —

און אברהם האט גערופן דעם נאמען פון דעם ארט: גאט זעעוודיק. אזוי ווי עס ווערט נאך היינט געזאגט: אויף דעם בארג פון גאט, ווערט געזען".

אטאם־פאליטיק אטאמיזירט דעם מענטש און די ערד נאך חלילה צעשפאלטן; ירושלים אבער איז די „עיר שחוברה לה יחדיו", וואס וועט אלע מענטשן פאראייניגן.

## די זעקס טעג

בהתנדב העם

אזוי דערפילן, די געפאר, די שרעק,
אזוי שטיין גרייט מיט אלצדינג נאר וואס מ'האט —
„מי כעמך ישראל גוי אחד"!

פון די אויערן די אויערינגלעך מ'רייסט,
פון וועסטל גאלדענעם זייגער מיט קייט;
מיט זייער לעבן די יוגנד שטייט גרייט.

## יודל גאלדבערג



דער גאנצער חודש ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס איז געווען געווידמעט דעם ישראל־טעמא. דעם לעצטן שבת האט דער באקאנטער אקטיאר און רעציטאטאר יידל גאלדבערג דערציילט פון זיין נסיעה קיין ישראל, דערלעבענדיק דארט צוזאם מיט זיין פרוי אויף זייער באזוך, דעם גאנצן מלחמה־ציטער. מיט די לירישקייט פון זיין דערציילן און שילדערנדיק די בילדער האט דער קינסטלער געהאלטן געשפאנט דעם עולם ביז טרערן.

פאר דער נסיעה פון יידל גאלדבערג, האט די קולטור־געזעלשאפט ביים דער פועלי־ציון, ארויסגעלאזן א בוליעטין איבער דעם באקאנטן אקטיאר און רעציטאטאר. דער גרעסערער עסיי איז געווען געשריבן פון באקאנטן שרייבער י. ח. קלינגער.

## אסתר סאלאמאן



די באקאנטע קאנצערט זינגערין אסתר סאלאמאן, האט אין צענטער פון דער העמסטעד סינאגאגע געהאלטן א באלערנדיקן רעפעראט איבער ליטורגישע מוזיק און סינאגאגע מעלאדיעס און אויך מיט איר פיינע און געשולטע שטימע געזינגען אויסצוגן פון תפילות, אין כל־ערליי נסחאות און אויך פון חסידישן ניגון און יידישן פאלקס־ליד. פון „לכה דודי" און „חד־גדיא" ביז אכט נסחאות.

דער רעפעראט איז געווען ביז גאר באלערנדיק און דער עולם האט גליקצייטיג גרויס הנאה געהאט פון דע; פיין געשולטן און סטיליזירטן געזאנג.

דער מוזיקאלישע אוונט איז געווען איינגעארדנט נאך דער דאנק־תפילה וואס אין דער שול לכבוד דעם נצחון אין ישראל.

אסתר סאלאמאן איז די „האנאר ארגעניזערין" פון די פאפולערע מוזיק־קאנצערטן, וואס קומען פאר ווינטער יעדן צווייטן זונטיק אין אדלער האל און ציען צו א גרויסן עולם.

איינער דעם אנדערן פארלויפט דעם וועג :
ווען פליט מען אפ, ווען שיקט מען שוין אוועק ?
אזוי דערפילן די געפאר, די שרעק — —

א צאפלדיקס, עס אריינצוווארפן,
פון דער ברוסט ס׳הארץ ארויסרייסן מען וויל,
ס׳זאל שלום זיין אין ישראל און שטיל — — —

„בהתנדב העם ברכו אדוני״ !
אזא צעריסן פאלק און אזוי פעראיינט,
אז גאט אליין פאר גרויס פרייד זיך צעוויינט.

## ווינען און זינגען אינאיינעם

א.

דאך אויסגעבראכן די מלחמה !
וואס קאן איך מער טון ווי וויינען,
מיט קאפיטלעך תהילים אויפשרייען,
וויינען און זינגען אינאיינעם.

„עמך נדבות ביום חילך״ !
ווי מוז איך מיין הארץ באצווינגען :
קאן מען דען פארלירן אזא קאמף,
ווען איין אויסוועג נאר — געלינגען.

ב.

מער מסתם נישט אויסהאלטן געקענט,
געהערט שוין די מעסערס שארפן,
ווייבער און קינדער אויסצושאכטן,
און זיי — אין ים אריינווארפן.

אין זיכערן טויט מען גייט מיט פרייד,
א שטאלצער לעבן צו בלייבן !
„מי כעמך ישראל גוי אחד״,
גאט אליין אין פאלק נעמט גלייבן.

ג.

„יידן שטייען שוין ביי דער כותל״ !
א ציטער גייט דורך די גלידער :
צי קאן מען דען אזוינס אויסזינגען,
מיט די פייערדיקסטע לידער ?

וואלט איך א זאק־זאמד איצט געווען,
פאר אן אקאפע צו ליגן,
א ישראל זעלנער צו באשיצן,
ער זאל דערלעבן און זינגען.



## משה דיין

תמיד איז איין אויג ביי אים צוגעמאכט,
ווייל דאס אנדערע האלט אין איין צילן ;
צוגעקומען צום כותל מערבי
און מיט איינמאל ר׳האט גענומען פילן,

ווי הייסע טרערן אויף זיינע באקן,
פון זיינע ביידע אויגן אים רינען ;
האט ער דאס צווייטע אויג אויך צוגעמאכט,
און געזען, אז גאטס האנט שטעקט דערינען.

ווי שטיל פארשוויגן ער איז געשטאנען,
אזוי הויך האט עס אין אים געשריגן :
כלי־זיין בלויז געווען אין גאטס האנט,
גאנצער זיג — די וואנט צוריקצוקריגן.

תמיד איז איין אויג ביי אים צוגעמאכט,
ווייל דאס אנדערע האלט אין איין צילן :
אצינד ! אראפגענומען דעם „שליידרער״,
ווי קינד וואס „דוד־וגלית״ ס׳טוט שפילן.

## רב - אלוף רבין

דער נס פון געווינען די מלחמה,
דער רב אלוף א רבין געווען,
אין די קליינע אותיות ער קען זיך אויס :
„אם במחתרת ימצא הגנב״,
„הבא להרגך השכם להרגו״ — —
אט־א דאס איז דער נס, דאס איז עס בלויז.

און אצינד דעם שלום צו געווינען,
די הארבע סוגיות „האוחז ביד״,
„תקפא כהן״ מ׳מוז קאווען מיט קאפ ;
שטיקל „קצות״ מיט גראבן פינגער אדריי,
מיטן „תימים״ גוט אונטער־געגארטלט —
עס פאלט פונם הימל גאר נישט אראפ.

## די זיגנדיקע ארמיי

יעדע ארמיי איר אומבאקאנטן סאלדאט,
איידער ער פאלט ווונדער ער טוט באווייזן ;
פאר די ישראל־חילות אין פאראויס —
די זעקס מיליאן קדושים געטון שפרייזן.

כוסיין פון תל־אביב א פייג באקומען,
נאסער מיט דער דריטער מכה אנטלאפן,
דאמאסקוס די יאקע גוט אונטערגעמקלט,
שוקיירי אין א רינשטאק ליגט באזאפן.

זייער חייל נעבעך געמאכט ויברח,
שטאט מיט געשטאפטע רוק־זעק — פולע הויזן!
ס׳גאנצע כלי־זיין געלאזן הינטער זיך,
א וויסטעניש מיט אלט־אייזן שאלמייזן.

מ׳שטיינסגעזאגט ווי אזוי דא צו זינגען,
אז בנפול אויביך, מעג מען דען לאכן?
א רחמנות נעבעך א חייל חמורים,
א חברה אפגעחומלטע פאלאכן.

## וואס אצינד געשען

אז ווער קאן דען רעדן פון דעם וואס דארטן געוועזן,
פון דעם ווונדער אין הונדערטער דורות נאך מ׳וועט לעזן;
ס׳איז נישט מיט מענטשלכע מוחות משיג צו זיין,
פון צען פעלקער ארומגערינגלט א פאלק, קליין, איין אליין.

תפילות ווען ווערן דערפון, ליוב־לידער־געזאנגען,
ווי דעמלט ווען מיר זיינען איבער ים־סוף געגאנגען;
האט זיך נישט אין א ברענענדיקן דארן באוויזן גאט?
בילד פון זיין בילד קרעמאטאריע־גיבור אויסגעגליט זיך האט.

דורך פייער און פלאם זיין פלאקערדיקן לייב געצויגן —
אזוי קאלט דעם טויט צו קענען קוקן אין די אויגן!
ווי ליימענע ציגל וואס מען ברענט, ווי אייזן וואס מען שטאלט — —
וואלט דען אנדערש וואס אצינד געשען — געשען, געוועזן געמאלט?

## דער נצחון (שלמה שטענצלען)

אן חתן־בחור וואסער חתונה געוועזן?
ווען נישט כוסיין, ווען ער מישט זיך אין קריג נישט אריין,
וויאזוי אלט־ירושלים געקריגן?
האט מען אים אינטערגעפירט: שלעפט מיך, איך גיי אליין״,
מיט ראזשיקעס און מאנדלען באשיט, ווי ס׳ברויך צו זיין.

א טרויעריקע חתונה עס וואלט געוועזן,
ווי א חופה ווען די מאמע איז נישטא דערביי — —
אצינד א געראניעטער על רגל אחת,
טאנצט א מצוה־טענצל: „געוועזן ס׳איז כדאי, כדאי,
און ווען אויף איין פוס — אויף די אדמת קודש איך שטיי״.



„ששון ושמחה בחוצות ירושלים״
דערטאפט זיך א בלינדער ביי דער כותל צו גרויס פרייד,
און די מאמע וואס אירע צוויי זין געפאלן,
קול ברמה, ביי דער מאמע רחלס קבר זי שטייט,
א בשורה כ׳ברענג דיר: דיינע קינדער זיינען באפרייט.

## פאר שלום פון דער וועלט

אין קליינעם שולכל איצט אין ווייטשעפל,
איך גיי איצט צו קבלת־התורה,
מיט די יידן אין ניו־יארק,
אין בוענאס־איירעס, אין מעלבארן,
אין מאסקווע, אין ווארשע אין בוקארעסט,
מיט א לעצטן ייד אין תימן:

מיט די יינגלעך פון אשוויץ,
מיט די סאבראַ׳ס פון תל־אביב,
מיט די בחורים אונזערע,
וואס שטייען ביי הר־סיני איצט,
ווי דעמלט ווען יידן זיינען געשטאנען,
„ויהי קול שופר הולך חזק מאוד״;

צוזאם מיט די יידן אין ירושלים,
ביי דער כותל מערבי וואנט,
אין בית לחם ביים קבר רחל,
ביי דער מערת־המכפילה.

א קינד איך בין ווידער איצט,
איך זע ווי דער הימל שפאלט זיך,
און דאס איינע ווארט איך שריי אויס,
דאס איין און איינציקע ווארט —
„שלום״.

מאסקווע, נויארק, לאנדאן, פאריז,
און אפשר אויך דו, פעקין!
איר האט דאך שוין די אטאם באמבע,
און ווי אויסגערעכנט פרעציז,
יעדער צאל, יעדע אינטש,
ביז צו דער לבנה,

טא ווארפט זיי דאך צו,
איינער דעם אנדערן,
און זאל זיך אנהייבן דאס שפיל.

איר האט מורא ?
אז אך און וויי צו אייער גאנצע חכמה — —
אבער איר האט דאך צוגעגרייט א שפּילעכל,
נאר ס׳איז אייך נישט געלינגען — —
איך האב איצט קיין צייט נישט.

צום גראם אייך צו זינגען,
איך מוז לויפן אין שובל,
צו קבלת התורה,
הערן לייענען די עשרת הדברות,
און איך בין — דער צענטער !

איך גיי ווי מיין טאטע איז געגאנגען,
ווי מיין ברודער איז געגאנגען ;

ווי מיין ברודערס און שוועסטער, קינדער,
וואס זיינען געגאנגען,
אין גאז־קאמער אין אשוויץ — —

מאסקווע ניויארק לאנדאן פאריז,
און אויך דו פעקין !
איר גלויבט דאך נישט מער אין נסים,
זעט דאך וואס ס׳טוט זיך איצט,
איך מדבר־סיני־זאמד.

מיט וויפיל אינטשעס,
האבן געזאלט שיסן די אלע הארמאטן ?
און די געשארפטע מעסערס,
פאר די ווייבער און קינדער אין תל־אביב,
געשטעקט האבן שוין אין די שטיוול — —

יעצט לויפן זיי בארוועסע,
צו זייערע ווייבער און קינדער,
מיט אויסגעשטרעקטע ווייסע פנימער,
ווי די פענדלעך אין זייערע הענט :
אלאה, אלאה.

וואס האט איר געוואלט פון די ארעמע מענטש,
דעם „קאטן״ געצויגן פון זייערע בלייכע לייבער,
און פון אונז די לעצטע פרוטה,
פון די קרן קימת פושקעס,
אונז אויסצוסטראיען מיט כלי־זיין,
אויסצומארדן איינס דאס אנדערע — —



וואס זיינען אלע קריסטלעכע ליבשאפטן
אן דעם „לא תרצח״ ?
און וואסער ווערט
דער גאנצער „מער־ווערט״־מאניפעסט,
אן דעם „לא תחמוד״ ?
„אדושם אדושם כאל רחום וחנון״ !
דאס ארון קודש שטייט אפן,
און מיינע טרערן פאלן אינם מחזור,
פאר די פלטים־אראבער,
וואס בארען זיך אין גליאיקן מדבר־זאמד —

און פאלן פארדארשטיקטע.
„אדושם, אדושם כאל רחום וחנון — —

## געקניפּט און געפלאנטערט

• • •

פארוויקלטער, פארקנוילט,
וואס גרעסער א פאלק ווערט ;
מיר שוין ווי באלד ווערן,
פאר אונזער פיצל ערד.

טויט־פארקניפּט מינדסטער קריג,
גרעסטער זיג — אויג פארטרערט ;

און וואס מער געדריוולט,
דער פלאנטער זיך מערט.

„כי לי כל הארץ״ —
גרויל־געקנויל נישט אויפהערט,
ביז גאנצער ערד־קויל,
גאט גערעכטן געהערט.

## פ א ל י ט י ק

1

די פאליטיק, מישטיינסגעזאגט,
קוק זי אן די נאז פון דע גאל,
נישט נאר פאר פעסעלע ווירויך —
פאר גאנצענע פעסער פעטראל !
און אין זיין מיטרא דאס פויפסל,
ווי פריסטערלעך ס׳שפילט דאס זיין ראל.

אזא חברה פורים־שפילער,
א המן פעלט אויך נישט דערביי,
און ווי דלפונדיק, נעבעכדיק,
דער ויזתא שלעפט זיך נאך זיי ;
וויפיל גאלגן־הומאר, אבער —
פארוואס טוט דאס הארץ אזוי וויי ?

2

דער גראם צו פאלטיק,
עס איז נישט דאס ווארט גליק;
דער כיטראק, צי דער סמיק,
גראמט עס מיטן ווארט טריק.

ס׳איז אזא מין קונסטשטיק,
ווי אין צירק אויפן שטריק;

מען גייט אהין אין קריק,
ביז מען צעברעכט ס׳געניק —

אויפן שפיץ נאז א מיק,
א פלוי אויפן געניק,
און אין איין אויג נבליק,
מיטן אויג קוים א צוויק,

א מעסער בליצט און — כיק.

## דער דיאלאג

צי מוז מען דען ערשט א געטשקע אויסטעסען,
אלט גרויער שטיין קאן אויך ווערן א געץ;
א גאנץ פאלק אין בלוט אין טרערן צעפלאסן,
געפאנגען געווארן א פיש אין נעץ.

ווי געטאנצט אמאל ארום א גאלדן קאלב,
גאלד־שקל אויסקלינגען אויף גאלן שטיין!״
„יא, אויבן אין הימל מ׳קאן זיין א משה,
אויף דער ערד אהרן — מיטן פאלק מוז גיין״.

2

ירושלים זאל ווערן גאנץ,
פאלק אונזערס חלילה צעשניטן?
טיפן תהום צווישן מענטש און מענטש,
מיט ביינער אונזערע פארשיטן?

מגראשנדיק לעבן־צו־קענען,
רענדל חלילה אויסגעביטן?
אין דעם עגול דעם פארכשופטן,
ווער קאן שטעלן דעם פונקל אינמיטן?
„אז אויסגעטרוקנט ס׳ווערט לײדיק פאס,
מוזן זיך די קלעפקעס צעשיטן,
אבער אויסהאלטן ס׳וועט אויסהאלטן,
א פאלק וואס אזויפיל געליטן״.

## אונזער אייגענע „כנענים“

ווי דער „קול ענות גבורה“,
אזוי לייכט ער ווערט פארוואנדלט,
אין א „קול ענות חלושה“,
און אז אך און ווײ ווי איילינק —
אין גאלדן עגל פאר האנדלט.



דאס חד־גדיאלע ווי עס שפרינגט,
קאזשלקעוואטע א טאנצל,
ווי פרום ס׳באזשעט, ווי ווילד ס׳בעטשעט,
כאטשבי א אנץ־קנעכט באלד ווערן —
זאל עס נאר האבן א שאנצל.

## אל מלא רחמים

שוין ווידער אצינד גרייט זײנען זיי,
אנצורייצן די הענער די צוויי,
און מיט זיי די כפרה צו שלאגן;
יושבי חושך וצלמות צו זאגן,
און זיי שפעטער צום שוחט צו טראגן.

אז רק תמיד א קרבן דאס דארף,
ס׳פגימה־מעסער שוין געשליפן שארף:
כיק, כיק! נאר א פריר זיך נאך צעכיקן,
מיט גוים־נחת א ביסל קוויקן,
צוקוקן ווי די הענער זיך פיקן.

א גאט, „מן השמים הבט“,
זע, צו וואס מיר מענטשן זײנען גרייט:
פון די ערשטע שוין, צוויי אדם־ברידער,
כך אויסשאכטן זיך ווידער און ווידער,
מיט מלא־רחמים׳ס און נצחון לידער.

## עפעס מכוח סטראטעגיע...

אז אלץ אזוי געניאל שוין אויסשפאנירט,
פארוואס נישט אויך אין איין וועג אויסגעפינען,
ווי די פאן־לער־באנדע אין קײרא שטעקט?
די ביגראנדע — מלחמה ערשט געווינען!...

פונקט אזוי וויכטיק ווי די קא־מיגס, איז
ס׳צעשטערן דאס נעסט פון די נאצי־שפינען — —
צומאל גרימצארנדיקער קאסיגין,
שמייכל טאן ער וואלט אפשר זיך פארגינען.

## מזל־טוב

איר גרויסע, הערט מיך אויס, האזינו:
איר מעגט שוין צורעכענען כינע,
זי האט דאך שוין די אטאם־באמבע,
און קיין עין הרע, א גאמבע — —

וועט זי זיין אין וואגן ס׳פינפטע ראד,
עס איז מזלדיקער אום, ווי גראד.

## „אל מלא רחמים“ פאר די געפאלענע

פונקט ווי די טויזנט יידישע שטעטלעך,
פארטיליקן ישראל גטוועזן גרייט ;
יעדער געפאלענער נישט נאר א העלד,
א קדוש פאר גאטס כסא־כבוד שטייט.

ווי מיין ברודערס בכור הימליש אויסגעהויכט,
הייליק, זצ״ל, אויף א קאצעטניקס הענט,
דערנאך מיט אלע קדושים צוזאם,
קרעמאטאריע־קרבן־עולה פארברענט.

ער איז קיין שחיטה־חוץ נישט חלילה וחס !
לפני ולפנים כ׳געדענק אים אצינד,
ווי א העלד געפאלן אין סיני־שלאכט — —
יעדער סאברע, עולה מיין ברודערס קינד.

און יעדער יידישער הרוג אצינד,
אין אן אויפגעהעצט אראבישן לאנד !
און וואס מיינט דאס גאמולקע : „פיפט קאלום“ ?
פאר מיינע אויגן שווארץ די אשוויץ־וואנט — —

## מכוח די מכה׳אים . . .

פון די סאוויעטן ס׳ווערט די נאסאר־סטראשידלע,
אויסגעסטראיעט ווידער אין סאלדאטסקע שינעל,
א פאכע צו טון מיטן לײדיקן ארבל :
תיכף־באלד, פון תל־אביב צו מאכן א תל.

א חוץ אין יעטווידן שינעל ארײנשטופן,
מיט שפיציקע פיקע לעבעדיקן קאזאק,
אז נישט וועט נאך נעבעך בלייבן שטרויענער העלד,
ווידער ביי זיין ליידיק־געלאטעטן רויב־זאק.

פעראייניקטע שטאטן, מסתם, פראנקרייך, ענגלאנד,
דעם יתום־קטן, הוסיין, סטראיען באלד צום שפיל,
ווען נישט, וועט זיך מוזן מיט אים מטפל זיין,
דער זשאבנדיקער „זשאינט פאלעסטיין אפיל“ . . .

## ביים באקומען דעם יוני - נומער „סאוויעטיש היימלאנד“

1

„מי כעמך ישראל גוי אחד“ — —
אין תל־אביב תפילין ס׳איז קוים נאך צו קריגן,



אז ביי יעדן סאלדאט איצט אין רוקזאק,
שטאט האנטגראנאטן — א פאר תפילין גאר ליגן !

ביי אזעלכע נצחונות און נסים,
א וואונדער אז אין גאט יידן ווידער גלייבן ?
באמת, נישט ווייניקער גרויס איצט דער נס,
אין מאסקווע יידישע לידער מ׳קאן נאך שרייבן.

א קונסט גאט גלויבן, פרשיות קאפירן —
אין צלם אלקים אמונה קענען האבן,
און זאפטיקע ווערטער פון הארץ ארויס,
פון א ווייניקן עפל ארויסצושאבן.

2

האבן מיר דאך מיט אונזער יידיש בלוט,
געשמירט פון רעוואלוציע־וואגן די רעדער,
ווי שרעקלעך עס צאפלט אצינד מיין הארץ,
ווי ס׳ציטערט צווישן מיינע פינגער די פעדער :

זיינען זיי נישט ריכטיק ווו פארפארן,
אין א טיפער בלאטע ערגעץ דארט פארקראכן ?
צי וועט דען העלפן איצט ווידער ַשמירן,
אז דער גאנצער אקס גאר אפשר שוין צעבראכן ?

נאר האבן מיר דען דעם וואגן אליין
מיט אונזער יידישן בלוט געטון טון שמירן ?
אבער זיי אלע זיי וועלן דאך נאך,
אין אלף השביעי אריין טון טון פירן.

## כ׳קאן מיך נישט אויס אין גרויספאלטיק

איך קאן מיך נישט אויס אין גרויס פאליטיק,
מילא, קאסיגין געשטעלט אויף א שלעכט פערד :
א נאסער, אנגעצוואגן אין אנגסט־שווייס,
איז ער געלאפן אנשטאט פאראויס — פארקערט.

די געשיכטע קאן מען צוריקציען !
אבער צי אזא מיצרי־פערד ווער האט כוח ?
בלויז ווו שטעקט דא דע גאל זיין גרויסע נאז,
שמעקט זי פעטראליום, אדער גאר דעם ווײרויך ?

נו, מילא, לאמיר שוין זאגן אז יא,
אים אנכאפן ביים עק טא וואס פארא צוועק ?
מען באשמוצט זיך נאר בלויז די ריינע האנט,
אזא פערד, אז מען רירט עס רק אן ביים עק.

איך קאן מיך נישט אויס אין גרויס פאליטיק,
די אטאם־באמבע איז איבער מיין פארשטאנד!
נאר די הייליקע שטאט ווער ס׳צעטיילט איצט,
אפגענומען זיין רעכטע, צי זיין לינקע האנד.

## פאר דער פאנאראמע

קאסיגין נישט „פארלאזן״ האט די פארזאמלונג,
זיך געפילט, פון זיך אליין אן אויסגעלאכטן:
האבן זיינע אוירן געהערט וואס גערעדט?
ווי דעם נידריגסטן ער קאן זיך איצט פאראכטן!
האבן אפשר די ישראלים געזאלטווארטן,
ביז מ׳וועט זיי מיט ווייבער און קינדער אויסשאכטן?

און דער פאנאראמא זיין קול איך האב געהערט,
און זיין שטייפן ארויסלויף געקענט באטראכטן...

דאס ציטערן פון עבאנס האנט, באלד כ׳האב דערזען,
זיין גרימצארן מיט געוואלד געוואלט איינהאלטן,
די גליאיקע ווערטער בעסער אראפשלינגען —
טיף אין זיך געזוכט דעם ענגלענדער, דעם קאלטן!
ר׳איז אבער געשטאנען ווי א ייד ביים עמוד,
מיט זיינע שארפע רייד דעם הימל צו שפאלטן.

א סקרוך איז מיר דורכן לייב אדורכגעגאנגען:
כ׳געהער דאך אויך צום פאלק, דעם געפלאגטן אלטן.

## שבעה דברים בגולה — אכט גראמען

מיט שרעק פאר באמבעלע, די גרויסע,
איבערכיטערעווען איינער דעם צווייטן — —
דזשאנסאן, די חסידי אומות העולם,
מיט ווייטסטן ייד נאך נישט איבערבייטן.

פארלאמענט־וועגט אויפגעשטעלט די אויערן,
א הארפע אויף דער טעמז גענומען שפילן — —
בראון און געל נישט איינער געווארן,
ווען שינוועל זיין הארץ גענומען קילן.

מיט אונזער קאמוניסט אין ווייטשעפל,
כ׳בין שוין בשלום אדורכגעקומען,
צו ישראל ירושלים געהערט:
מילא, נישט גאט געגעבן — מיר גענומען.



דער אוטשאני־מיסיאנאר פאר גרויס פרייד
גאנצע טעג רק הלל ער טוט זאגן;
אבער דער פאפ מיטן קאפ אין כותל רק
על־חטא — מיט דער דעה זיך שלאגן.

## א „שיר־המעלותדיק״...

נישט כ׳זע האיאר דעם פרילינג־בלויען הימל,
נישט כ׳הער דאס ווארקען פון דער טורטל־טויב;
נישט דעם חשבון איך האלט מכוח דער ווילדער קאץ,
דרויסן אין הויף אין מיסט־קאסטן געשטויב.

אז גאנצענע טעג, צומאל אינם חלום,
רק טעלעוויזיע כ׳זע, דעם ראדיא כ׳הער,
די צייטונג נישט ארויסגעלאזט פון דער האנט,
פאליטיק, סטראטעגיע, מאפעס, געווער — —

נישט איך האב ארויסגעברענגט דאס טעצל מילך,
נישט איך האב אויסגעבעט מיט ווייכן שטרוי,
די ווילדע קאץ וואס זיך געקעצלט אין הויף —
געווען סאלים דער מויסלמענער באי.

און ווי סמוטנע געווען, ווען ער האט געזען,
אז איין קעצעלע, ס׳שענסטע, איז שוין טויט;
פאר ליבשאפט צו אים און שעמענדיק אזוי,
מיין ווייס־הויטיק פנים גע̃ווארן רויט.

ווי זיס די צוויי זייגענדיקע קעצעלעך,
און די קאץ קוקט אזוי מאמעדיק מיד — —
שטאט „שיר־המעלותלעך״ אויסהענגען ארום,
פאר סאלים דעם מוסלים מיין יידיש ליד.

## י ר ו ש ל י ם
### שומר מה מליל

וויפיל מאל שוין איינגעטיילט צווישן זיך ס׳וועלטל,
און זיך צעשלאגן איבערן גרעסערן טייל;
דעם כדור ארץ, דאס באלעמל געמאסטן,
ווי א באלעם סחורה אויף מעטער און אויף אייל.

דא איז עס א שטיק ערד און דאס איז עס דער ים,
אט האנדלט עס זיך מכוח א קווערטל פעטראל־אייל;
עס גייט שוין אצינד איבער דער האלבער לבנה —
א שניפ טאבעק שוין נישט ווערט דער גאנצער ערד טייל!

ראקעטס, מיסלס, די אטאם־און וואסער־בייבע —
ס׳גייט שוין אזוי זייט דעם ערשטן געשפיצטן פייל;
אבער לסוף בלייבט עס תמיד אלץ ביים אלטן,
„כי מעולם ועד העולם אתה אל״ —

— — — — — — — — — — — — — — —

ווי א שייט האלץ אויף שייטער־הויפן צוווארפן,
מ׳גייט איצט שפאלטן דיין שטאט, גאט — שומר מה מליל!
„ובצל כנפיך יחסה ויתלונן״ —
ירושלים, גאנץ אין אונז — כי עמנו אל.

## דער טאנץ פארן כותל מערבי

ס׳גרעסטע, אפנים, אונזערע נביאים,
אויף אונזער ערד געוועזן אונז באשערט;
אבער וויפיל פון אומעטום מיטגעברענגט,
אצינד ווען מיר האבן זיך צוריקגעקערט.

די כותל — בלויז וויפיל קדשי קדשים,
צווישן די בלוט־באשפרענגטע געטא־ווענט?
איך קוק — א חדוה־ריקוד מיין הארץ טאנצט מיט,
ס׳ווערן מיינע אויגן טרערן־פארבלענדט.

## כותל - מערבי

ווי מען שטייט פאר א וואנט, מיט פארמאכטע אויגן,
און מען ווארט אויפן זאלפ געשאסן צו ווערן,
אזוי געשטאנען פאר דער כותל־מערבי —
איר יעדער שטיין אויסגעקושט אונזערע טרערן.

יעצט שטייען מיר אויסגעדרייט, מיט אפענעם בליק,
און מיטן ריקן צו איר — זי צובאשיצן!
קוקט דאך אין אונזערע אויגן, און ווי פארשטיינט
אייערע — מענטשלעך זיי וועלן טון אויפבליצן.

## ירושלים

נישט פחד, נישט נצחון — אונז פעראייניקט
דאס געהייליקטע ווארט, ירושלים;
דאס הארץ ציטערט אויף, ווען מען רעדט עס ארויס,
טרערן שטעלן זיך א ייד אין די אויגן,
דאס ווארט ירושלים ער טראכט נאר בלויז.



מלאכים ער דערזעט, אליין כביכול,
וואנדלט מיט די אבות, כאיש עם רעהו,
און מיט די נביאים פה אל פה ער רעדט:
י־רו־ש־ל־ים, של מעלהדיק מען ווערט,
טאטעדיק עס לאשטשעט, מאמעדיק עס גלעט —

עס ציט זיך אזא ניגון פון הארץ צו הארץ,
א הימל־דרימל אין חלומות פארוויגט,
ווונדן עס פארבונדט, ווייטאגן עס פארהיילט,
נישט די שרעק, נישט דער זיג — ירושלים,
אויף קיינמאל שוין נישט צו ווערן מער צעטיילט.

## עיר - דוד

ווי דיין שטיינדל געשליידערט און געצילט,
געבליבן שטעקן אין גלות׳ס שטערן,
אזוי אין די שטיינער פונם כותל,
דיינע אויסגעוויינטע תהלים־טרערן.

טיף איינגעזאפט אין זיך זיי האבן,
דעם געאייביקטן מענטשלעכן חלום,
פון די צייטן פון פאר אברהמען נאך,
פונם מלכי צדק מלך שלום.

עיר דוד, „עיר שחוברה לה יחדיו״ —
אלע מענטשן אין איר זיך פעראייניגן,
אויפצושיינען דאס טרויריקסטע פנים,
צער־פארשטיינט־הארץ — פון פרייד וועט אויפוויינען.

## די שטאט ווו שלמה געקינגט

„למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק — —
זיי מעגן זיך אלע שטעלן אויפן קאפ,
ווילאנג ירושלים נישט גאנץ בלייבן,
גאנצע ערד צעפלאצן אן ערדענער טאפ.

ירושלים, די שטאט של־למעלהדיק,
אוועקנעמען צי קען זי דען פון אונז ווער?
איז זי דען נישט די מאמע־שטאט פון די שטעט,
זאל זי נאר בלויז נישט צעשניטן ווערן מער.

זי איז דאך די שטאט ווו שלמה געקיניגט!
די מאמען וועט לאזן צעשניידן א קינד — —
גאט, זאל זי דאך פון אצינד אן גאנץ בלייבן,
שווינדלער זי צעשניטן פון שנאה בלינד.

## די שכינה

וואהין אונז נישט געטריבן,
ווי נישט צעריבן און צעשטויבט,
אומעטום, נאר אנגעקומען,
ירושלים אויפגעבויט;
און נישט נאר מיר — אלע ארום,
אין צדק און שלום געגלויבט.

אז וואס געווען די געטא־וואנט?
פון כותל־שטיין א שאטן־שיין!
און איז נישט די שכינה מיט אונז,
געגאנגען אין גלות אריין?
אויסגעגאנגען פון פיין זי וואלט,
געבליבן איינזאם אין אליין.

אזויפיל שטעטלעך צעשטערטע,
איינגעפאלן די געטא־וואנט,
קיין ירושלים אצינד,
אקינד וואס מ׳פירט ביי דער האנט,
פירן מיר די שכינה מיט אונז,
צוריק אין איר אייגענעם לאנד.

י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע
### לכבוד דער גאולה פון ירושלים

דעם אידעאליזאציע שיר וועגן ירושלים האט דער תהלים פאעט געזונגען צום באפרייער פון ירושלים — „שיר המעלות לדוד, שמחתי באומרים לי בית ד׳ נלך” — איך פריי זיך אז מען זאגט מיר: לאמיר גיין אין גאטס הויז. „עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים” — בעת אונזערע פיס שטייען ווידער אין דיינע טויערן ירושלים. „ירושלים הבנויה כעיר שחברה לה יחדו” — ירושלים די געבויעטע אויף בערג ווי א שטאדט באהאפטן אין איינעם. אדער ווי די חכמי התלמוד טייטשן אויס — „ירושלים, עיר שמחברת ישראל זה לזה” — ירושלים די שטאדט וואס פאראייניקט איין ייד מיט דעם אנדערן. ווייל דארט אהין גייען אויף שבטים, די שבטים פון יה, צו לאדענען זיך, וואס איז אן עדות צו די איינקייט פון ישראל און א לויב צום נאמען פון גאט. ווייל דארט זיצט מען אויף ריכטערשטולן, די טראגנען פון דער דוד דינאסטיע. איר זאלט בעטן פארן שלום פון ירושלים, פארן פרידן. פון די וואס האבן איר ליב. זאל זיין פרידן אין דיינע פארזאמעלערטער, פרידן אין דיינע פאלאצן. אין נאמען פון מיינע ברידער און פריינט ווונטש איך דיר שלום, פון וועגן דעם



הויז פון גאט אונזער אלמעכטיקן וואס איז אויפגעבויעט אין דיר ווונטש איך דיר גוטס. (תהלים קכ״ב, ירושלמי בבא קמא פ״ז, ה״ז)

פארשטייט זיך, ווען דער תהלים פאעט האט פארפאסט דעם שיר המעלות איז שוין ירושלים געווען א זער אלטע שטאדט, ווייל בשעת יהושע האט מיט לערך דריי טויזנט פיר הונדערט יאר צוריק פארנומען א טייל פון לאנד כנען און עס פארטיילט צווישן די שבטים, איז שוין ירושלים געשטאנען א לאנגע צייט און געווען באוווינט פון דעם שטארקסטן כנענישן שטאם יבוסי. (יהושע ט״ו) א היסטארישע באשטעטיקונג אויף דער פארצייכענונג וועגן ירושלים, האט מען אנטדעקט סוף פאריקן יאר הונדערט אין דעם ארכיוו פון פרעה־אקנאטאן, וואס איז געלעגן פארשיט לערך דריי מיט אהאלבן טויזנט יאר אונטער דער חורבה פון זיין פאלאץ אין טעל־על־אמארנא. די אויסגעגראבענע דאקומענטן זיינען בריוו געשריבן אויף ליימענע טאוולען, וואס די גובערנאטארן פון מצרישע פארנומענע לענדער האבן געשיקט צו פרעה־אקנאטאן, און אין איינעם פון די בריוו בעט „עבד כיבא”, פון לאנד כנען, אז פרעה־אקנאטאן זאל אים העלפן, באקעמפן די כאבירי, (קאנפעדראציע פון בבלשע מלכים) וואס האבן פארכאפט די שטעדט גת־כרמל און קרית ארבע און באד־ראען זיין הויפט שטאדט ירושלים. (פר. האמעל „אלטע העברעישע טראדיציע” ז. 155 און 201)

לויט די אויסטייטשער פון תנ״ך איז נאך פאראן א פארצייכענונג וועגן ירושלים פאר דער צייט פון פרעה־אקנאטאן. אין ספר בראשית ווערט דערציילט די געשיכטע, אז ווען אברהם אבינו איז צוריק געקומען א זיגער פון דער מלחמה מיט די פיר בבלשע מלכים האט דער „מלכי צדק מלך שלם” וואס איז געווען א כהן צום אויבערשטן אלמעכטיקן, אים אנטקעגן געטראגן ברויט און וויין. (בראשית י״ד) באמערקט דערויף יוסיפון־פלאוויוס אז שפעטער האט מען די שטאדט „שלם” פון מלכי צדק אנגערופן ירושלים. (דער אלטערטום פון די יידן בוך 1, קאפ. 10, פאר. 2) וואס איז אויך אין הסכם מיט דער מסורה — „ויהי בשלם סכו ומעונתו בציון”, וואס מיינט ירושלים — זיין בית המקדש וועט זיין געבויעט אין ירושלים. (תהלים ע״ו, אבן עזרא) אחוץ דעם געפינט מען אויפבאהאלטן אין מצרישן פאלקלאר די תקופה אין וועלכער ירושלים איז אנטשטאנען — יוסיפון־פלאוויוס ברענגט פאר דעם מצרישן שרייבער מאנעטא, אז די היקסן — די וואנדערנדיקע פאסטוכער האבן זיך באזעצט אין יהודה אויפגעבויעט די שטאדט ירושלים ווען זיי זענען פארטריבן געווארן פון מצרים. (קעגן אפיאן בוך 1, קאפ. 14) מען איז דעריבער בארעכטיקט אנצונעמען אז די שטאדט ירושלים איז אלט איבער פיר טויזנט יאר.

אין די אלט כנענישע לשונות וויל דער טערמין „ירושלים” זאגן „די שטאדט פון שלום”. אבער דארט איז, לויט דער יידישן פאלקלאר, אויך געווען די ערשטע אוניווערסיטעט אדער דער ערשטער בית המדרש פון שם ועבר, וו רבקה איז געגאנגען פארשן אדער זוכן א דערקלערונג פארוואס זי האט אזא שטויסעניש אין איר בויך, און איר זון יעקב האט דארט שטומען איז דעריבער

באדירט פירצן יאר. (זעט ר״ן נ״רים ל״ב און אבן עזרא בראשית י״ד) (מען איז דעריבער בארעכטיקט אנצונעמען אז דעמאלט איז בית אל געוועו דער רעליגיעזער צענטער פון לאנד און ירושלים דער קולטור צענטער. ווען יהושע בן נון האט זיך ארייגעריסן אין לאנד כנען האט ער צווישן די געפאנגענע כנענישע קריגס פירער אויך געפאנגען גענומען דעם מלך פון ירושלים. אבער ווי עס ווייזט זיך ארויס, ניט די שטאדט ירושלים. ווייל די בני ישראל זענען ניט געווען גענוג מיליטעריש אויסגעבילדעט צו באצווינגען די פעסטונג פון ירושלים. אזוי ווי זיי זענען ניט געווען גענוג מיליטעריש שטארק צו פארנעמען אנדערע וויכטיקע ערטער. (שופטים ג׳)

איצט האט געדויערט עטלעכע צענדליקע יארן ביז די ארמיי פון מדינת ישראל איז געווען בכח צו באפרייען ירושלים אבער דעמאלט האט גענומען פיר הונדערט יאר. דער ערשטער מלך פון פאלק ישראל — שאול און זיין יהונתן זענען געפאלן אין א מלחמה קעגן די דעמאלטיקע פאלעסטינער אדער פלשתים, ווייל, ווי דוד האט דערקלערט אין זיין הספד איבער זיי, „ללמד בני יהודה קשת הנה כתובה על ספר הישר״ — אז די יידישע ארמיי מוז זיין געשולט ווי יעדע אנדערע ארמיי: צו שיסן מיט בויגענס איז פארצייכענט אין ספר הישר, און די ארמיי פון שאול איז ניט געווען געשולט צו באנוצן די באוואפענונג (שמואל־ב׳ א׳) ערשט דוד, וואס די מענטשן פון זיין שבט זענען געווען געשולטע און באוואפענטע, איז בכח געווען צו דעראבערן ירושלים.

נאכדעם ווי דוד איז געווען זיבן יאר מלך אין חברון, בלויז איבער דעם שבט יהודה האבן די עלטסטע פון ישראל באשטימט אז ער זאל ווערן מלך איבער דעם גאנצן פאלק ישראל, האט ער גענומען זיינע מענטשן און איז מיט זיי געגאנגען קיין ירושלים כדי צו אונטערהאנדלען מיט יבוסי, דעם פארוואלטער אדער אייגנטומער פון דער שטאדט, וועגן איבערנעמען איר און מאכן דארט זיין הויפשטאדט. אבער ירושלים, די פארצייטישע שטאדט פון שלום, די מעטראפאליס פון ציוויליזאציע און קולטור פאר טויזנט יאר אין מיטעלעם מזרח, איז אינצווישן פארכאפט געווארן פון צוויי רעליגיעס, וואס ווערן אין פסוק באצייכענט מיט די נעמען „עורים ופסחים״ — בלינדע און לאמע. ווען דוד מיט זיינע מענטשן זענען געקומען צום יבוסי אונטערהאנדלען וועגן מאכן ירושלים פאר זיין הויפטשטאדט, האט יבוסי געזאגט צו דוד׳ן — „לא תבא הנה כי אם הסירך העורים והפסחים לאמר לא יבא דוד הנה״ — דו וועסט ניט קומען דא אהער סאידן דו וועסט צוערשט דערוויטערן דוד באצוווּנגען אירע פעסטונגען און איר געמאכט פאר די הופשטאדט פון פאלק ישראל. (שמואל־ב. ה׳, דברי הימים־א. י״א)

אזוי איז מיט לערך דריי טויזנט יאר צוריק ירושלים, די פארצייטישע שטאדט פון שלום און די מעטראפאליס פון ציוויליזאציע און קולטור, געווארן די הויפשטאדט פון פאלק ישראל. ארום פירציק יאר דערנאך האט שלמה המלך, דוד׳ס זון, אויפגעבויעט דעם בית המקדש, פאקטיש האט דוד געוואלט אויפבויען דעם בית המקדש, אבער ווי דוד זאל האבן דערקלערט צו זיין



זון שלמה, האט גאט צו אים געזאגט — „דם לרב שפכת ומלחמות גדולות עשית לא תבנה בית לשמי״ — זער פיל בלוט האסטו פארגאסן און גרויסע מלחמות האסטו געפירט, ניט בויען זאלסטו א הויז צו מיין נאמען. „הנה בן נולד לך הוא יהיה איש מנוחה... כי שלמה יהיה שמו ושלום ושקט אתן על ישראל בימיו״ — א זון וועט צו דיר געבוירען ווערן, ער וועט זיין א רואיקער מענטש... שלמה וועט זיין דער נאמען זיינער, פרידן און שטילקייט וועל איך געבן צו ישראל אין זיין צייט. ער וועט בויען פאר מיר דעם בית המקדש. (דברי הימים א. כ״ב)

דערפון איז קלאר צו זען אז די גרונד אדער קארדינאלע אידיי פון אויפבויען דעם בית המקדש איז ניט געווען, ווי מען מיינט, צו האבן א הויז וווּ מען זאל מקריב זיין קרבנות, נאר צו האבן אן אינסטיטוציע וואס זאל אויפהאלטן די אלטע טראדיציע פון ירושלים — פארשפרייטונג פון ציוויליזאציע און שלום, דעריבער איז די באחרית הימים נביאות פון די נביאים ניט געווען וועגן א בית המקדש פאר קרבנות, נאר — „והיה באחרית הימים נכון יהיה הר בית ד׳ בראש ההרים ונשא מגבעות ונהרו אליו כל הגוים״ — עס וועט זיין אין סוף פון די טעג, וועט שטיין פעסט די געביידע פון גאטס הויז, אויבן אן פון די בערג, און דערהויבן איבער די הייכן, און אלע פעלקער וועל צו אים שטראמען, צו לערנען דארט סאציאלן יושר און רעליגיעזע פרייהייט. „וכתתו חרבותם לאתים וחניתותיהם למזמרות״ — זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אקעראייזנס און זייערע שפיזן אויף צווייגמעסער. „לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה״ — א פאלק קעגן א פאלק וועט ניט הייבן א שווערד און מען וועט ניט מער לערנען מלחמה. (ישעיה ב׳)

די אריגינעלע אידעען פון דוד המלך און זיין זון שלמה וועגן בית המקדש זענען צעשטערט און פארגעסן געווארן, ווייל דער נביא אחיה השילוני האט צעשפאלטן דאס פאלק ישראל און אפגעריסן דעם גרעסטן טייל שבטים פון בית המקדש אין ירושלים. ער האט געגלויבט אז די אידעען פון מלכות בית דוד; שלמה המלך׳ס עפענען די טויערן פון בית המקדש פאר יעדן ניט־יידן, וואס קומט אהין בעטן, כדי ארונטערצונעמען אים — „תחת כנפי השכינה״, וועט פירן צו געצנדינסט. דער היסטארישער פסק דין איז אבער געווען אז דער נביא אחיה השילוני האט זיך טועה געווען; (סנהדרין ק״ב, שבת נ״ו) ער האט אפגעריסן די צען שבטים פון מלכות בית דוד און פון בית המקדש, כדי צו פארהיטן דאס פאלק ישראל פון געצנדינסט און די געשיכטע זאגט עדות, אז מיט זיין צערייסן דאס פאלק האט ער פארפירט דאס פאלק ישראל און קארופטירט דעם בית המקדש.

פאר די נביאים פון מלכות יהודה ווי ישעיה און אנדערע, וואס האבן געקעמפט קעגן קרבנות קולט בכלל, איז עס געווען א האפנונגלאזער גערא נגעל. זיי האבן איינגעזען אז דורות וועלן פארגיין ביז דאס פאלק וועט זיין גייסטיק פעיק אויפצונעמען די אידעען פון מלכות בית דוד וועגן דעם ציל און צוועק פון בית המקדש, צו זיין די וועלט קאטעדרע פאר ציוויליזאציע און שלום.

זיי האבן דעריבער נביאות געזאגט, אז עס וועט זיין אין שפּעטערדיקע צייטן „באחרית הימים״ — אנע דאטע — שפּעטער. לאמיר בעטן און האפן אז איצט איז געקומען די צייט, איצט ווען מיר זענען נאך צוויי טויזנט יאר ווידער געווארן די בעלי בתים פון הר הבית, וווּ עס געפינט די כותל מערבי, וועלן מיר אויפבויען א נייעם בית המקדש, ניט פאר קרבנות, נאר א קאטעדרע פאר שלום און סאציאלן יושר.

## יוסף לעפּטוויטש

### דער ווינד הערט

א ווארט איז א בוים.
פארצווייגט איז זיין קלאנג.
רייד האבןווארצל,
זיי זינגן א געזאנג.

פאראן ווערטער ווי אייכן.
א ווערבע איז מיין ווארט,
פון די טייכן פון בבל
האט זיך עס פארפלאנצט אויפן ארט.

פון א ווייטן וועג
קומען די ווינדן אהער.
מיין טאטע האט זיך צו זיי צוגעהערט
אויף יעדן ריר און קער.

ווי א זינגנדיקער בוים
איז ער אפגעשניטן געווארן,
אבער זיין ווארט איז אין מיר
צוריק געבוירן.

פון מיר זינגט עס ארויס,
מיט זיין קול
אזוי ווי ער האט
געזינגען אמאל.

ווען מען וועט מיך אראפּהאקן,
א שטיק האלץ,
וועט מיין טאכטער זינגען
מיין ליד מיט שטאלץ.

און דער ווינד וועט הערן,
און וועט צעטראגן איר ליד.
און איך וועל אין קבר הערן,
און זיך פרייען דערמיט.



## יוסף ד. באסט (ירושלים)

### דעם גורל׳ס ליבלינג

(דערציילונג)

דער זאלבסט מארד פון פּראפעסאר העברי מארטאן, וועלכער איז באקאנט געווען אלס א מיושבער און לעבנס־צופרידענער מאן, האט אלעמען דער־שיטערט. זיין טאט איז געווען נאך טראגישער דערמיט, וואס ער האט אים אויסגעפירט און דער נאכט נאך זיין 70־טער געבורטסטאג־פייערונג. דער אוניווערסיטעט, וווּ ער האט לאנגע יארן געארבעט, האט אים איינגעארדנט, צוזאמען מיטן 80־יעריקן פּראפעסאר לייטען — דעם באוווּסטן גינעקאלאג — א פּרעכטיקן יובילײ. אין דער פרי האט די דינסט געפונען איר בעל הבית א טויטן אויף דער סאפע אין זיין קאבינעט. אויף דער פּאדלאגע איז געליגן א פוסט העלבלוי שאכטעלע; אויפן שרייבטיש — א בריוו אדרעסירט צו זיין איינציקן זון ראבערטן.

מיין טייערער זון! צום ערשטן מאל ווענד איך זיך צו דיר אזוי אין א בריוו. דו וועסט אין קורצן פארשטיין, פארוואס . . . איך האלט פאר מיין פליכט אויפצוקלערן מיין טאט, און פאר וועמען זאל איך דאס טאן, אויב ניט פאר דיר, מיין נאענטסטן און, ווי עס ווייזט זיך ארויס, לייבליכסטן מענטשן?

גלייך נאכן פארענדיקן דעם בריוו וועל איך זיך פאראייניקן מיטן מלאך המוות, וועלכער ווארט אין זיין העלבלוי שאכטעלע שוין גאנצע 52 יאר. צוריק מיט 52 יאר, נאך דער ערשטער נאכט פון מיין צוזאמענלעבן מיט דיין מוטער, בין איך ארויס פון שטוב, כדי זיך איינשאפן סם. היינט וואלט מיר די זאך אויסגעזען לעכערליך: זעלבסט מארד צוליב צייטווייליקער אימפּאטענץ? אבער דאמאלט, אין עלטער פון 18 יאר און נאך דעם וואס איך האב איבערגע־לעבט איידער איך האב חתונה געהאט מיט סאניען, איז עס געווען טראגיש, ניט לעכערליך. פון טויט האט מיך געראטעוועט א צופאל, איינער פון יענע גליקליכע צופאלן, וועלכע דער גורל שיקט צו זיינע אויסדערוויילטע. ווען איך בין מיטן שאכטעלע אין טאש געגאנגען אויף די שטיגן, האב איך באגעגנט דעם בריוטרעגער, וועלכער איז נאר וואס ארויס פון אונדזער ווינונג.

„אן אומאנגענעמע ידיעה — האט ער געזאגט אראפּנעמענדיג פאר מיר דאס היטל. — כ׳האב אייך געברענגט א באפעל גלייך זיך צו שטעלן און מיליטערישן זאמלפּונקט. — ער האט געקוקט אויף מיר מיט מיטלייד. — וואס קאן מען טאן: מאביליזאציע! אויך איך וואלט געגאנגען אויף דער מלחמה, ווען ניט דאס וואס איך בין א פאטער פון דריי קליינע קינדער״. ער האט זיך פארנויגט און מיך אויסגעמיטן. „א פאטער פון קינדער . . .״ — האט מיר א שטאך געטאן אין הארצן, ווען איך האב אנגעקלאפּט אין דער טיר.

ס׳האט מיר געעפנט דיין מוטער, איר פּנים איז געווען נאס פון געוויין. זי האט מיך ארומגענומען און צוגעדריקט איר קאפּ צו מיין ברוסט. צי וואלט דען שוין אין דער ניי געשאפענער לאגע געהאט א זין צו באגיין זעלבסט־מארד? צי איז ניט ריכטיקער געווען אוועקגיין פון דער וועלט אויף א בכבודיקן

אופן אלס איינער פון די געפאלענע אויפן פעלד אין קאמף פארן פאטערלאנד? איך בין נאך דעם זעלבן טאג אפגעשיקט געווארן אין א בייפראנטיקע איינהייט און אין א קורצע צייט שפעטער אפגעפארן אויפן פראנט. איך האב זיך אומגעקערט נאך א יאר מיט א דערווארבענעם קליינעם מום (אן אפגעהאקטן פינגער פון דער רעכטער האנט ווי דו ווייסט), אבער אויסער דעם פולקאם געזונט און באפרייט פון מיליטערדינסט. און דא, אין דער היים, האט מיך באגעגנט א סיורפריז: א קינד אין וויגעלע.

צוליב די אפטע ענדערונגען אין מיין צוגעהעריקייט צו די קאמפס־אפטיילונגען האב איך אויפן פראנט נאר די ערשטע צוויי חדשים באקומען די קארעספאנדענץ. איך האב זיך פון איר דערוווסט, אז מיין חבר אלפרעד פארלאזט ניט מיין פרוי אין איר איינזאמקייט און באזוכט זי כמעט טאג־טעגליך. אין איר לעצטן בריוו האב איך אנגעטראפן אויף עפעס א פארנעפלטע אנצוהערעניש און א צוזאג, אז אין די נאענסטע טעג וועל איך באקומען וועגן דעם ענין א קלארע ידיעה „ווען די זאך וועט פולקאם באשטעטיקט ווערן"... פון דאמאלט־אן אבער איז די פאסט אויפן פראנט צו מיר מער ניט דערגאנגען (דעם גרויסן פאק בריוו האט מען מיר שוין צוגעשיקט א היים). ווי האב איך, אלזא, געפונענדיג אין שטוב דעם דערמאנטן „סיורפריז", געקאנט צווייפלען, ווער עס איז דיין פאטער? איך האב שוין אלפרעדן ניט געטראפן מיט איר. יונגער פון מיר, איז ער אויך געווארן רייף פאר דער מלחמה און געשיקט אויפן פראנט, פון וואנען ער האט זיך שוין ניט אומגעקערט. אז ארום בין איך געווארן דער „פאטער" פון מיין חבר׳ס זון.

כדי דו זאלסט פארשטיין, פארוואס איך האב שלום געמאכט מיטן גורל׳ס אורטייל און קיינמאל מיט קיין איין ווארט ניט פארגעווארפן דיין מוטער איר פאראט, מוז איך דיר דערציילן איניקע פרטים פון מיין לעבן.

עס קומט מיר אויפן זינען די פאלגענדע ערינערונג. אלס א זעקס־יעריק יינגל האב איך א מאל צוזאמען מיט אנדערע שטיפערס געווארפן שטיינדלעך אויפן פארמאן פון דער פלאטפארם וואס האט געפירט מילך פון אונדזער פארמע אין שטאט אריין. איינס פון די שטיינדלעך האט אים געטראפן אין שטערן. ער איז א צעיושעטער אראפגעשפרונגען און זיך א לאז געטאן נאך אונדז. אן איימה האט מיך ארומגענומען, איך בין א פארציטערטער צוגעוואקסן צום ארט ווי פאראליזירט. ער האט אויף מיר געווארפן אן אויפמערקזאמען בליק און מיך אויסגעמיטן, נאכיאגנדיג די אנטלויפנדע יינגלעך. ווען ער האט אויפגעגעבן דעם געיעג און זיך אומגעקערט צום וואגן, האט ער ווידער אויף מיר א מאדנעם קוק געטאן. די חברים האבן מיך ארומגערינגלט, באטראכטנדיג מיט באוואונדערונג. „האסט גארניט מורא געהאט, געבליבן שטיין איינער אליין אנטקעגן אזא ריז!" זייער אנטדעקונג איז געווען אזוי סוגעסטיוו, אז איך וואלט אליין אנגעהויבן גלויבן אין מיין „גבורה", ווען ניט די פריקרע פייכטקייט צווישן די פיס, וואס האט מיר קלאר געמאכט מיינע חברים׳ס טעות...

אזוי איז עס געווען מיט מיר דאס גאנצע לעבן. יעדן טאט מיינעם האט מען



שטענדיג אויסגעטייטשט צום גוטן. איך האב פארמאגט אן איינגעבארענעם טאלענט צו שאפן זיך פריינט און פארערער, בין געווען דער אויבנאן אויף חברישע פארזאמלונגען, האב געשמ׳ט מיט מיין אינטעליגענץ. אט אזוי „שפרייזנדיג איבער רויזן". בין איך דערגאנגען ביזן אכטן קלאס גימנאזיע, ווו איך האב זיך פארליבט אין א חברטע, די חנוודיקע סאניע. דא אבער האב איך אנגעטראפן אויף א קאנקורענט: אלפרעד. אקרעפטיקער און דרייסטער. פשיטער און אן „שוונג", איז ער אין א געוויסן זין געווען מיין קאנטראסט; דאס האט אונדז אבער ניט געשטערט צו זיין באפריינדעט. מיר האבן זיך ביידע אנפארטרויט אונדזער סוד און שטיין געבליבן איינער אנטקעגן דעם צווייטן: צוויי פריינט — צוויי קעגנער. ער האט אויף מיר אויפגעהויבן זיין ריינעם בליק. „כ׳האב זי ליב — האט ער געזאגט און פארפרעסט די דיקע ליפן. זיינע אויגן האבן אויפגעבליצט. — איך וויל מיר זאלן זיך שלאגן!"

צי האט סאניע געוווסט, אז מיר זענען ביידע אין איר פארליבט? אוודאי האט זי געוווסט. וועלכעס מיידל ווייסט דען ניט, אויב יינגלעך האבן זי ליב? זי האט, א פנים, הנאה געהאט פון אונדזער קאנקורענץ איבער איר, זי האט אבער, פארשטייט זיך, ניט געקאנט זיך פארשטעלן, אז די זאך איז דערגאנגען ביז צו א דועל... ס׳האט זיך דערנענטערט דער פרילינג, די צייט פון מאטורע. מיר האבן באשלאסן — אלפרעד און איך — צו טרעפן זיך נאך מיטאג אין וועלדל.

צי דארף איך דיר שרייבן, אין וואס פאר א גייסטיקן צושטאנד איך בין געגאנגען אויפן פארמעסט? פחד — אט וואס איך האב געפילט. „א קאמף ביזן סוף, ביז דער באזיגטער וועט זיך אונטערגעבן!" — האט אלפרעד געזאגט, ווען ער האט מיך דערזען. ער האט זיך געווארפן אויף מיר און איך האב פארצווייפלט גענומען זיך ווערן. מיר זענען אומגעפאלן און, צונויפגעפרעסט, געקאלערט, זיך איבערן נאך טיילווייז מיט שניי באדעקטן מאך צווישן די ביימער. איך האב דערפילט א שטארקן שטויס און געבליבן ליגן אויפן רוקן מיט אלפרעדס שווערן קערפער אויף מיין ברוסט. די ראיה האט זיך מיר פארנעפלט, דער אטעם — פארהאקט. „כ׳גיב זיך אונטער!" — האב איך האלב דערשטיקט אויסגעשריגן, באהערשט פון א פאנישער שרעק פארן טויט. די שווערקייט פונעם קעגנערס־לייב האט אבער ניט אויפגעהערט מיך דריקן. כ׳האב אנגעשטרענגט אלע כוחות און אים אראפגערוקט פון זיך. ער איז ליגן געבליבן אן באוועגונג, בלייך, מיט פארמאכטע אויגן. ווי ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, האט בעת אונדזער געראנגל א שטארצנדער בוימווארצל אים א מוראדיקן שטאך געטאן און רוקן; דער ווייטיק האט ביי אים אפ גענומען דאס באוווסטזיין, ווען ער איז געליגן אויף מיין ברוסט. אויפגעוועקט פון חלשות און דערזען מיך שטייענדיג איבער אים, האט ער מיך באטראכט אלס דעם בעל הנצחון, ניט וויסנדיג אז כ׳האב זיך אים אונטערגעגעבן. „האסט געזיגט" — האט ער ארויסגעמורמלט און א פיינליכן קרעכץ געטאן.

איצט איז מיר נאר פארבליבן צו דערקלערן זיך סאניען אין ליבע: איך בין

דאך פארבליבן אויפן פלאץ אלס דער זיגער... דאך, ניט געקוקט אויף מיין צעפיעשטשעט־זיין דורכן גורל, האב איך ניט געקאנט פועלן ביי זיך צו פאר־שוייגן אלפרעדס טעות. כ׳האב אים אבער ניט מגלה געווען אויף א מענערליכן שטייגער אים אליין, נאר... סאניען. פאר איר האב איך, ארויסגעפירט זי אין אן אוונד אויף שפאצירן געעפנט דאס הארץ, מודה זייענדיג אז דער דרייסטער אלפרעד און ניט איך, דער פחדן, פארדינט דורך איר געליבט צו זיין. זי האט זיך הולדיק פונאנדערגעלאכט, מיך ארומגענומען. „און ווי איז דער דין, אויב דו געפעלסט מיר דאך בעסער ווי אלפרעד, ניט געקוקט אויף דער גאנצער געשיכטע מיטן דועל? ניין — האט זי צוגעגעבן ערנסט — דו ביזט ניט קיין פחדן. וויפל דרייסטקייט דארף פארמאגן א בחור, כדי צו דערציילן די, וועלכע ער ליבט, דאס וואס דו האסט מיר דערציילט!״

אט אזוי בין איך באגליקט געווארן מיט סאניעס ליבע. אבער די טיפע איבערצייגונג, אז כ׳בין אויך דאס מאל אן פארדינסט אויסדערוויילט געווארן, האט ניט אויפגעהערט מיך צו פייניקן. דערפאר האב איך נאכן אומקערן זיך פון פראנט באטראכט די מיר אנגעווארפענע „פאטערשאפט״ פון אלפרעדס זון אלס אן אפצאל מיט ליידן פאר מיינע לעבנס־הצלחות. איצט, נאך דעם ווי איך האב אויסגעטרונקען דעם בעכער בוטערקייט, אפפערנדיג מיין מענער־ערע און נעמענדיג אויף זיך אן מרידה די פליכט פון דערציען דיך — די פרוכט פון מיין פרוי׳ס פאראט — האב איך געהאלטן פאר אפגעצאלט ניט נאר מיינע פריערדיקע נאר אויך די צוקונפטיקע דערפאלגן.

זיי האבן ניט לאנג געלאזט אויף זיך ווארטן. נאך מיין פאטערס טויט האב איך געירשנט א פיינעם פארמעגן. איך בין אריינגעטרעטן אין אוניווער־סיטעט אויפן ליטעראטור־פאקולטעט און מיט פיר יאר שפעטער גלענצענד אים פארענדיקט. כ׳האב באקומען די דאצענטור און אין עלטער פון זעקס און דרייסיק יאר בין איך שוין געווען פראפעסאר. כ׳האב זיך שנעל בארומט געמאכט מיט די ארבעטן, וועלכע איך האב פארעפנטליכט צוזאמען מיט מיינע תלמידים. אבער אויפריכטיק גערעדט, זענען דאס זייערע ארבעטן, ניט מיינע; איך האב כמעט ניט מער ווי „באשיינט״ זיי מיט מיין נאמען. איך האב מיין פאלשן רום אלס טאלענטירטער ליטעראטור־פארשער אויפגענומען ווי א פאר־דינטע זאך. כ׳האב אויך זיך ניט קעגנגעשטעלט מיין פרוי׳ס הויכער אפשאצונג פון מיין „איידלקייט״ און אונדזער ערשטער נאכט, ווען כ׳האב זיך באניגנט מיט אן אויבערפלעכליכער באציונג, כלומרשט כדי צו שוינען איר מיידל׳שע שרעק פארן ווייטיק... צוליב אקימפעט־פארגיפטונג נאך דיין געבורט איז זי געווארן אומפרוכטבאר. אונדזער צוזאמענלעבן איז ביז איר טויט אפגעפלאסן הארמאניש. זי איז שטענדיק געווען צו מיר צארט און טאלעראנט און איך האב אן שטערונגען גענאסן פון אלע תענוגים, וועלכע עולם הזה קאן צושטעלן א געזונטן, לעבנסלוסטיקן מאן. דאס אלץ איז מיך אין מיין איבער צייגונג געקומען, כ׳האב עס פארדינט דערמיט, וואס כ׳האב געגעבן מיין פאטערשאפט דעם זון פון מיין קאנקורענט.



ביז היינט, אין שפיץ פון מיין לעבנס — קאריערע, האב איך זיך פלוצלינג דערוווסט, אז כ׳האב זיך די גאנצע 50 יאר גענארט. בעת אונדזער בשותפותדיקן יובילייַ האב איך זיך אפגעזונדערט אויף א געשפרעך אין גארטן מיטן פראפע־סאר לייטען, וועלכער האט נאך אלס אסיסטענט פון דער פרויען־קליניק געהאלפן דיין מוטער אין דיין געבורט. רעדנדיג וועגן איר קומפעט־פארגיפ־טונג, האט ער ביי דער געלעגנהייט באמערקט, אז זי איז פארגאנגען אין שוואנגערשאפט אן דאס פארלירן די בתולים — א זאך, וואס פאסירט אסך עפטער ווי לאיקער מיינען. ער אליין טאקע האט אויסגעשניטן איר בתולים — הויט, כדי מעגליך מאכן דעם געבורט.

אט די דערקלערונג האט מיט איין קלאפ צעווארפן די גאנצע געביידע פון מיין לעבנס־איינשטעלונג. ניט נאר וואס מיין אימפאטענץ האט ניט גורם געווען מיין ווייבס פאראט, נאר זי האט אפילו געדינט אלס דער איינציקער מעגליכער באווייז, אז דאס קינד איז טאקע מיינס.

הייסט עס, די אפפערונג פון מיין מענער־ערע, כדי אפצאלן דערמיט דעם גורל פאר זיינע געשענק, איז נאר געווען אן אילוזיע. אין דער אמתן האב איך „באשאנקען מיט פאטערשאפט״ מיין אייגענעם זון און „מוחל״ געווען מיין פרוי איר ניט באגאנגענע זינד. דער גורל, וועמען ס׳איז געפעלן צו מאכן מיך פאר זיין ליבלינג, האט זיך ניט געקימערט וועגן די ספקות פון מיין געוויסן, פונקט ווי ער קימערט זיך ניט וועגן די וויי־געשרייען פון זיינע אומצאליקע איובס.

איך אבער וועל באווייזן, אז כ׳בין א מענטש מיט אן אייגענעם ווילן און ניט קיין שפילצייג אין די הענט פון דער השגחה. איך נעם ניט אן מיינע 70 הצלחה׳דיקע יאר מיט די געשאנקענע ניט אויסגעקעמפטע דערפאלגן און מיט די אויסגעמיטענע מפלות. צו זיין אן פארדינסט אויסדערוויילט איז אין קעגנ־זאץ צו מיין באגריף וועגן גערעכטיקייט. איך ווארף אפ די אויסדערוויילטקייט, און זאל מיין פרייוויליקער טויט זיין דער אויסדרוק פון מיין פראטעסט.

... און אפשר וויל דאס טאקע דער גורל? אפשר טויג עס צו זיינע צילן, אז זיין ליבלינג העברי מארטאן זאל אין דער נאכט פון זיין זיבעציקיעריקן יובילייַ אראפשלינגען סם? מעגליך. איך ווייס ניט וואס עס וויל דער גורל, אבער איך ווייס איך וויל און וואס איך וויל ניט.

איך וויל מער ניט לעבן.

## שמואל ווהייט

### דריי זענע זיי געוועזן

דריי זענען זיי געוועזן,
און אין זייער גאנג האב אים,
סגאנצע לעבן געלעזן.

איינער, אלט אין איינגעבויגן,
מיט אן איינפאכיק פנים,
(קוים וואס ער האלט אויף די אויגן.)

איז מיט טריט שווער געגאנגען,
אפגעלאזן, פארטרויערט,
אלעבן אן פארלאנגען.

די צווייטע, פרוי נאך יונג,
האט רייצענד געפלאטערט,
געשוועבט, ווו א שמעטערלונג;

זי האט זיך לייכט באוויגן,
סגאנצע ערדענפרייד האט,
געשיינט פון אירע אויגן.

דאס דריטע א קינד, גאנץ ווילד,
צי וועלכן מדארף האבן,
מוטער ליבע אין גערולד.

עס האלט אין איין פארלאנגען,
אפילו אין דעם קוויטש
הערט מען שיינע געזאנגען.

— — — — — — — — — — — — — — —

דריי זענען זיי געוועזן,
און אין זייער גאנג האב איך
ס׳גאנצע לעבן געלעזן . . .

## א. נ. שטענצל

### בראשית — אין אנהייב (המשך פון קאפיטל)

אין דער פרי האב איך מיך אין ערשטן צוג, אין ארבעטער שלעפ־צוג מיטן שטופנדיקן עולם מיט ארייגעשטופט — דא האט יעדער געהאט זיין חודש־אדער וואך־באנבילעט און מ׳האט א קאנדוקטאר צומאל פאר די אויגן נישט געזען.

דער גאנצער וואגאן איז געווען איין גרויסע קופּע, מיט לאנגע בענק ארום די ווענט אין דער לענג און אין דער ברייט, און ס׳שמעקט פון רויך און מענטשן־שווייס. האלב פארשלאפן נאך פיפקעט מען, רעדט מען, מ׳לאכט־אויף פון א גראבן וויץ.

איך בין מיר געזעסן פארשטעקט אין א ווינקל — עלעהיי כ׳וואלט געלעגן אונטער א באנק אן א בילעט — געגריזשעט דאס האלבע ברויט און מיר געטראכט מיינע מחשבות, און אביסל הנאה געהאט פונם גאנצן עסק: דאך אנטרונען פונם מארקגראפס יעגער־ביקס . . . א שטיקל אוואנטורעלע און נאך ארויס מיט א האלב ברויט ארייגעשטופט אין בוזעם. ביי יעדן ביס מוז איך טון א שמייכל: דער גאנצער אוואנטוריסט, דער חייב, איז דא אייגנטלעך דער וואלדי. און ווי ער האט זיך דאס געלאשטשעט און זיך געלעקט און ווי דאס לאנגע דאקל־בייכל האט זיך אים געשאקלט שטייענדיק אויף די הינ־



טערשטע צוויי פיס . . . כ׳וויל מיך דערמאנען די צעווירענע ווארעם־פאר־שווייסטע מעלקערין, מיט די צעשאקלטע צוויי אייטערס אין פארשווייסטן בוזעם ווי זי האט מיך ארומגעכאפט ביים ארייגשטופן דאס האלבע ברויט מיר אין ארעם, אבער וואלדי שטייט איצט צווישן, א הארכנדיקער מיט שלאבריק הענגדיקע, דעגענערירנדיקע אויערן . . . — אפנים כ׳בין איינגעדרימלט, אזוי גריזשענדיק און מיך שאקלענדיק אין מיין פארשטופטן, אין פינסטער־אנגע־רויכערטן וואגאן־ווינקל.

אנגעקומען אויפן רוישיק־צעהילכטן שטעטינער באנהאף, האב איך מיך אין דעם איילִיק־טומלדיקן געשטופּ ארייגעדרייט און אדורך דעם קאנטראלער.

ארויסקומענדיק אויף דער גאס אינם פרישן, הארבסטיקן פרימארגן, איז מיין ערשטער געדאנק געווען אויפצוזוכן דאס פארוואנצטע צימערל, וואס כ׳האב געהאט אמאל דא אין די געסלעך געדונגען און נישט געברויכט מיך איינצומעלדן: כ׳מוז דאך איינמאל פאר אלעמאל אהיימשרייבן. מ׳ווייסט דאך צומאל נישט, אז כ׳בין נישטמער אין האלאנד. לויט ווי ס׳שמעקט די לופט, מוז איצט אויך זיין פאר ראש־השנה — עס שמעקט מיט סליחות! צעלאך איך מיך גייענדיק: וואס הייסט דינגען? אז כ׳בין גאלע! קיין פעניג נישט ביי דער נשמה . . .

לאז איך מיך צו דער שענהויזער־שטראסע, צו דער מינץ־שטראסע, ערגעץ דארטן צו א רעסטאראנדל, א יידיש קאפעעלע. ווי האט שיע געזאגט: „דא אין די געסלעך פארדינט יעדער ערלעך זיין שטיקל ברויט . . . נאכטראגן א פעקל א הויזירער איז דער מינדסטער פּאַיק“.

איך דריי מיך דרויסן פאר א רעסטאראנדל. פארשמייעטע בחורים, נישט אויסגעשלאפענע, פריש־פארקעמטע, גייען ארויס און ארייַן; א ייד קומט ארויס און גיט א מאך מיט דער האנט, גיט זיך א גלעט ביים צוגעשווירענעם בערדל; איינער גייט אריין און שעפטשעט צו זיך — יעדער זוכט עפעס ווי דעם נעכטיקן טאג! אזא אומזיכערקייט אין די באוועגונגען, אין די אויגן: מ׳זוכט א פארדינסטל . . .

איך וואג נישט ארייַנצוגיין. מ׳מוז דאך האבן קודם צו באצאלן פאר א טעפעלע קאווע, אז מ׳זעצט זיך אנידער ביי א טישל . . .

אבער ארייַנגיין קאן מען דאך, א קוק טון, א שמעק טון מעג מען דאך . . . כ׳שפיר ווי מיינע באוועגונגען ווערן אומזיכער . . . כ׳געב מיר א גלעט ביי דער געמבע, ווי דארט וואלט געוועזן אנגעוואקסן א בערדל . . . אבער כ׳בין שוין דרינען! און מיט יעדן שריט, מיט מיין יעדן פארגאפטן בליק שפיר איך א היימישקייט, ס׳נעמט מיך ארום א ווארעמקייט — אייגענע מענטשן: פון „גראסער קלוב“, פון „פועלי־ציון היים“, פון שטיבל, אקארשט פון דער בית־מדרש באנק — אין קאוויארניע אין טשענסטאכאוו ביי דער קוילן־ראמפע . . . מ׳ווארפט זיך איבער פון טישל צו טישל מיט א ווארט און מען פאר־שטייט זיך אויפן וואנק, מיט א שלאבריקן מאך מיט דער האנט: „לאקשן“. הינטן זיצט א בלאזירט פארשוינדל, גוט אויסראזירט ס׳שפיציקע געמבעלע

און די לאנגע, צעקנייטשטע באקן, וואס ציען זיך מיט א פארגליווערט רעזיגנירט שמייכעלע צום פיפיקן ליפל ווי צוגעביגלט; מ'זעט ממש ווי דאס גוט אויסראזירטע ליפל האט גרויס הנאה פון יעדן ווארעמען זיפ קאווע. ער האט זיך פלוצלינג א טאפ געטון ביי די פאר האר, וואס האבן זארגפעלטיק פארגלעט א קליין גלאצעלע, פארקוועטשט א פיפיק אייגל און גערעדט ווי אין דער וועלט אריין: „דאכט זיך א פרישער יאלד, א נאוואבראניעץ". דאס צעקנייטשטע לענגלעכע פנים האט זיך צעשטראלט מיט אלע זיינע שארפע קנייטשן און דינינקע קנייטשעלעך:

„זעצט אייך אנידער. איר דרייט זיך עפעס ווי צווישן די פיס, כ'מיין צווישן די טישלעך... איר זעט אויך אויס ווי איר זוכט דעם נעכטיקן טאג"... ער קוקט מיך שארף אן מיט ביידע אייגעלעך ווי זיך צו דערמאנען אין וואס, ווי מיך צו דערקענען און איין אייגל פארקוועטשט זיך צוריק ווי מיך שוין דערקאנט: „הא, ביסט גאלע? ס'מאכט נישט, פון זעלבן חדר... קאנסט מיר אויך זאגן דו! זעץ דיך דא צום טישל, אויף א קאווע איז נאך דא אין טאש... קוה אל ה' וחזק", לאזט ער אויס היימיש מיט א סוף־פסוק־וויצל.

איך קוק אן דאס אפגעחומלטע, דאס בלאזירטע פנים, אבער ווען דער צעריסענער שטערן צעשטראלט זיך מיטן געלעכטערל, ליגט דער בית־מדרשניק אויף אים א צעלייגטער מיט אלע זיינע פיפטשיקלעך.

...יא, ער איז אויך גאלע, ער האט שוין אפגעדינט אלע עבודה־זרות און איצט זיצט ער ביים לעצטן קאווע מיט צעפראנצטע הויזן... אבער דערזעענדיק מיך, איז אים איינגעפאלן א גליקלעכער אויפטו אריבערצוגיין צו „הערן וויקטאר און זאן", צו „וויגדערלעך" אין „וואארען־האאוז" נעמען א פעקל. דער „וויקטאר און זאן" און דאס „וואארענהאאוז" איז ארויסגעזאגט געווארן מיט א פאנפע אונטער דער נאז, אבער דאס דינע ליפל איז געווארן דערביי טרויעריק: טראגן א פעקל איז איבער זיינע כחות, נישט נאר זיינע הויזן זענען צעפראנצט, נאר ער אליין איז אויך שוין... און גלעטנדיק זיך איבער די צוגעגלעטע האר איבער פליכל, האט ער ווייטער געצויגן מיט עפעס א באהאלטענער איראניע: אבער א כופר־בעיקר איז ער איינער אין דער וועלט און פארקויפן קען ער דעם טאטן אליין...

ער האט זיך אויפגעשטעלט פריינטלעך, בעסער געזאגט חבריש, מיך אנגענומען ביים אקסל: „אלזא, אפגעמאכט, חצי שלי וחצי שלך, שותפות — פיניעלעט קאמפאניאן! און ווי הייסט איר? איך האב מיך שוין פארגעסטעלט, דער צווייטער נאמען איז נאר פאר דער פאליציי"...

ווען מיר זענען אריינגעקומען אין שניט־געשעפט „וויקטאר און זאן" האט עס דארטן געקאכט מיט הויזירער און טיר־קלאפער. הערר וויקטאר, א סנאפיקל, פעט און אויסגעפרעסן, מיט א טאפלטע געמבע, אויסראזירט ביז צום בלוט־שפראצן, איז געזעסן ביי דער קאסע און געקייעט מיט איין זייט פון די גרויסע, ברייטע לעפצן א ציגאר און מיט דער אנדערער זייט געשפריצט און זיך געזידלט: „איין פעניג נישט ווייניקער, גענוי ווי אין דער



רעכענונג. וויקטאר און זאן איז רעיעל". דער „זאן" אין געפרעסטן העמד און עלעגאנטע הויזן, מיט גאלדענע ספינקעס אין די מאנזשעטן, בלאנד, מיט א חוצפהדיק גויאיש נעזל, איז געשטאנען אויף א לייטער און געווארפן באלן סחורה אויף דער טאשעוואניע, וואו „מאדאם וויקטאר" — ווי די טיר־קלאפער האבן זי גערופן — איז געשטאנען און געמאסטן מיט האלצענעם מעטער און געקלאפט מיט דער גרויסער שער; „באלטשע" — ווי די הויזירער האבן זי גערופן — איז געווען די גאנצע סוחרטע, די נשמה פונם געשעפט — אן אשת־חיל, מיט א בלאנד־געפארבטן קאפ האר.

פיניעלע, מיין שותף, — וואס איז געווען א נאמען דא צווישן חברה! — מיט זיין „גוט מאיען, מיין גנעדיקע פראו", האט שטיל געמאכט דעם גאנצן ראיענדיקן טומל. דער הערר וויקטאר האט זיך פארדרייט מיט זיין ציגאר און געקוקט צום עולם מיטן טאפלטן אויסראזירטן רויטן קארק. די חברה האט דערווארט א סקאנדאל ווי אלעמאל, ווען פיניעלע איז אריין אין געשעפט האלב שכורלעך — אפנעמען זיין „עלימענטע"... דער „זאן" איז שנעל אראפ פון דער לייטער און פארשוואונדן.

פיניעלע, ניכטער דווקא, עלעגאנט ווי מ'גייט איינלאדן א דאמע צום טאנץ, איז צוגעגאנגען צו דער טאשעוואניע און מיט א קניקס נאכאמאל איבערגעחזרט, נאר איראנישער: „גנעדיקע פראו, דאס מאל איינע דאפלטע פארציאן", און אנווייזנדיק אויף מיר א פינטל געטון מיט איין אייגל: „דו זעסט דאך איך ארבעט מיט א שותף"...

אן איין ווארט האט מאדאם וויקטאר ארויסגענומען צוויי גרויסע, געלע פאקעטן, פארשנירט מיט שטריק און דערלאנגט פיניעלען. ער האט זיך עלעגאנט פארבויגן און הויך א זאג געטון פינטלענדיק מיט אן אייגל: „וועסט זאגן וויגדורלען ער זאל עס פארשרייבן אין דיין כתובה, איין פעניג נישט ווייניקער". דעם צווייטן זאץ האט ער געפראוווט נאכמאכן „הערן וויקטארס" שטימע. חברה טיר־קלאפערס האט זיך קוים געקענט איינהאלטן פון לאכן. און ס'ביסל הויזירער איז נישט געווען צו זען „ווי אין וואסער אריינגעפאלן".

דאס צווייטע פינטל מיטן צווייטן אייגל איז שוין געווען צו מיר: דאס הייסט נעם און הולך...

אין אזא פעקל איז געלעגן שטאף אויף צען אנצוגן און אויב ס'איז געגאנגען א גאנג און א טיר־קלאפער האט עס איינגאנצן פארנאקט, האט ער געקענט לעבן א טאג...

אריינקומענדיק אין דער אונטערגרונט־באן, ער, וואוילעריש, מיט די צוויי הענט אין די טאשן און איך מיט די צוויי פעק אונטער די ארעמס, האט ער מיך, נאך איידער מיר האבן זיך אנידערגעזעצט, מיט ביידע אויגן א ווילע באטראכט, ווי א שניידער א קינסטלער פון פאך נעמט די מאס נישט אויף איין אנצוג, נאר אויף אלע צוואנציק און דערנאך א פריילעכן פינטל געטון מיט איין אויג און דאס פנים האט זיך אים צעשטראלט מיט אלע זיינע צוגע־

פרעסטע קנייטשן און נאדל־דינע קנייטשלעך. די אויגן האבן אים גענומען לייכטן ווי צוויי גאלדענע בינען פארוועבטע אין א באשטויבטער, א זונצעשיינטער שפינען־נעץ: „גוטער ברודער, הארציקער, געטרייער, אנגעלסקער פאץ! כ׳זע דאך, אז דו ביסט נאך א פריץ און דו הייבסט נישט אן צו וויסן ווער ס׳האט דיך געשלייערט“. דעם ערשטן זאץ האט ער ארויסגעזאגט ווי א מין שפרוך און דעם צווייטן אין א טאן ווי א טאטע רעדט צו א זון, אז ער זאל ווערן א לייט.

מיר האבן זיך אנידערגעזעצט: „וואס קוועטשסטו די פעק אונטער די פאכוועס ווי א קאזאק צוויי סאלדאטסקע ברויט?“

ער האט מיך חבריש אנגעקוקט: „דו געפעלסט מיר! דיין געשטעל איז צו מיין איינפאל ווי צוגעפאסט. און אפשר איז דער גאנצער איינפאל געקומען פון געשטעל? פארשטייסט, מ׳ברויך נאר צו האבן א גוטן טריק און מ׳שניידט ווי מיט א שארף מעסער אין א לייבל ברויט, און איך האב אים: דו הערסט, דו ביסט שטום. איך גיב א פייף און דו קומסט ארויף, פאקסט אויף א פעקל, כאפסט ארויס א קאסטיום־שטאף, פאקסט שנעל צוריק צו ס׳פעקל און בלייבסט שטיין מיט בײדע פעק אזוי אונטער די ארעמס“. ער צעלאכט זיך און רייבט די צוויי הענט איינע אין דער אנדערער; איך קוק אויף זיי, צארטע, נערוועזע, באוועגלעכע; זיך רייבנדיק אזוי פלעכטן זיך די פינגער, שלאנקע, שמאלע, איינע אין די אנדערע: „גוטער ברודער“ . . . ער וויל ווייטער זאגן דעם שפרוך, אבער ער ענדיקט אים נישט. דאס ליפל וואס זעט אצינד אויס גאנץ אנדערש, ווי איבערלייגנדיק עפעס, ווי בארעכנדיק עפעס — לייגט זיך נישט דערצו . . .

ארויסגעקומען אין א שטילער, רואיקער געגנט, געסלעך מיט אקאציעביימער אויף בײדע זייטן פאטשעניע; א מין פאראַרט, וואו ס׳וואוינען קליינע באאמטע, בלומענטעפ פאר די פענסטער, לאנגע טונקעלע גארדינען ביז אראפ. ער האט זיך אומגעקוקט ווי איינער, וואס ווייסט וואס ער האט צו טון; ער ברויך זיך נאר צו אריענטירן און ער הייבט תיכף אן:

„ווארט צו, דאס איז דאס איינציקע ציגארעטל. כ׳מוז צוערשט אויסרויכערן אויף שטימונג, אויף מוט, אויף מזל“.

מיר זענען געגאנגען. די פעקלעך זענען געווען גענוג שווער, אבער די שטימונג איז געווען א געהויבענע: ער האט ארויסגעלאזן רעדעלעך רויך פונם פארצויגענעם ליפל. דאס פנים האט זיך לאנג אויסגעצויגן, א גלאט צוגעפרעסטס מיט אלע שארפע קנייטשן און קנייטשעלעך. מ׳האט געזען, אז דער קאפ ארבעט: ער האט פלוצלינג באקומען אן אינטעליגענט אויסזען. מיט איינמאל געגעבן א שפיי אויס דעם פיטום פונם ציגארעטל, דאס קאפעלישל א שאר געטון ממזריש אויף א זייט און אריין אין א טויער: „דו בלייב דא שטיין“.

איך בין געשטאנען און געווארט, די צוויי פעק אונטער די ארעמס — א סאלדאט מיט צוויי ברויט אונטער די פאכוועס, וואס שטייט באהאלטן אין א טויער: דער פארשווין איז מיר געפעלן, די גאנצע זאך איז עפעס געווארן ווי א מין שפיל, א פאנטאזטיש מעשהלע, א חלום — איך האב געשפאנט געווארט אויפן פייף. ס׳האט נישט לאנג געדויערט און ר׳איז געקומען.



כ׳האב מיך שנעל אויפגעכאפט, ווי פון שלאף, גיך ארויף די שטיגן. דערזעען אים שטיין, עלעגאנט, מיט א בויג, אבער איין פוס זיינער, קונציק, נישט באמערקט, ארייגערוקט צווישן טיר און שוועל, מ׳זאל זי נישט קאנען צוקלאפן פאר דער נאז.

„זי זעען, גנעדיקע פראו, דאס איז ער, איין מאטראז פון אן ענגלישער שיף . . . יא, יא, געשטאלענע וואארע“, גיט ער א נערוועזן דריי מיט דער שיינער, שמאלער האנט און א פלינקן באוועג מיט די לאנגע, שלאנקע פינגער און פלינק זיך א דריי־אויס צו מיר: „קום, יקום פורקן מן שמיא חינא וחיסדא“. איך פאק שנעל אויף א פעקל, כאפ פלינק ארויס א שטיק שטאף און פארבינד גיך צוריק דאס פעקל.

„זי זעען, מיין גנעדיקע, קאמגארן, מאנטשעסטער . . . אונטער יעדן פרייז. איינפאך פארשליידערט, ארויסגעשמיסן . . . דירעקט פון פאליציי פארפאלגט . . . ווען זי קויפן די גאנצע וואארע מאכן זי איין פארמעגן“ און מיט די אויגן א פינטל געטון ווי אט זעט ער דעם נאכיאגנדיקן „שופא“ ארויפגעפלויגן אויף די שטיגן.

נאך איידער ס׳איז געווארן מיטאג איז די גאנצע „וואארע“ שוין געווען „פארשליידערט“ און מיר זענען געזעסן אין א קוטשער־קנייפע זאט אנגעגעסענע און געשפילט א קערטל.

„גוטער ברודער, הארציקער, זיסער, דאס איז נאך מיין איינציקע ליידנשאפט . . . אמאל האב איך געשפילט טעאטער, געשפילט פידל, געשפילט ליבעס . . . גוטער ברודער, אז די ווייבער נעמען דיך אין די הענט אריין, מאכן זיי פון דיר א לייט“.

די שעהן האבן זיך גערוקט. איך האב אויף אים געקוקט: אפשר וועט שוין זיין גענוג . . . און ער: ארײנקוקנדיק אין די קארטן, „ווירט, נאך צוויי שאפן! אז די גלעזער זענען פול איז מזלדיקער“. ער צעלאכט זיך: „ווייב און קינדער ווארטן אויף דיר?“

ער האט אנגעהויבן צוווארפן די קארטן מיט נערוועזן אימפעט און דאס טרינקען פון די שאפנס איז געגאנגען פלינקער און דער „דאנער וועטער נאכאמאל“ איז ארויסגעקומען נאך יעדן צווייטן זאץ:

„איך וועל זיכער נישט פארלירן און דו אויך נישט . . . מיר שפילן פונם שותפות . . . צען מיט נאך צען! וויגדערל, איין פעניג נישט ווייניקער, געגני ווי אין דער רעכענונג“, מאכט ער נאך „העררן וויקטארס שטימע“.

„ווירט, נאך צוויי שאפן!“ און די בלאנדע מאדאמעכע, באלטשעלע, זי האט געמיינט, אז ס׳איז שוין צו ענדע. עס הייבט זיך ערשט אן: צוואנציק מיט נאך צוואנציק, א פערציק פון איכל!“ די פערציק האט אים ווי אויסגעניכערט, אויפגעהייטערט: „גוטער ברודער, דאס ערגסטע פאלק זענען די וויטישע . . . א סיפילים איז אויך נאך נישט דאס ערגסטע . . . היינע האט

עס אויך געהאט, א בעטהאוון אפילו... אבער פאלסטו אריין ביי א וויטישער, וועסטו שוין קיינמאל נישט ארויסקריכן... די באלעשעלעך ברויכן טאטעס פארן „זאן”! דאס איז אן עסק פאר די אביגדורלעך”...

ווען מיר זענען אנגעקומען שפעט פארנאכט צום אלעקסאנדער פלאץ האט ער אויסגעזען בלאזירט, אפגעחומלט, ס׳גושיבקעלע איבער דער גלאצע צעשויבערט און די ווערטער פונם צעקנייטשטן ליפל זענען ארויסגעקומען מעלאנכאליש, ווי פון א באשולדיקטן, וואס איז זיך מודה: „כ׳וואלט דיך מיטגעבעטן צו מיר, נאר איך בין אויך טריפה... כ׳וואוין ביי א פרוי זי וועט נאך מיינען כ׳ברענג א שיתוף... פארשטייסט?

כ׳האב פארשטאנען — —

ביים געזעגענען נעמט ער ארויס א הויפן פאפיר־געלט און דערלאנגט מיר. איך קוק אים אן און ער גיט צו מיר א פינטל מיטן אייגל: „זיי נישט קיין פריץ, שטופ אריין אין טאש אריין און גדענק, אז ס׳איז נאך דא א פיניעלע אויף דער וועלט...

כ׳האב אים לאנג נאכגעקוקט ווי ער איז געגאנגען מיט שטילע, פארטראכטע טריט. ביי טיץ׳ס א שוי־פענסטער איז ער געבליבן שטיין, זיך צוגעגלעט דאס שיטערע גירבארלדעלע און גענומען שנעל גיין וואו ער מוז ערגעץ אהינקומען, וואו ער האט שוין מסתם פארשפעטיקט.

כ׳בין געבליבן שטיין ביים זעלבן פענסטער, דערזעען א שיין העמד און אריין עס קויפן. צוריק צום באנהאף, אראפ אין טואלעטן־צימער, מיך ארומגעוואשן, געלאזט מיך ראזירן, אנגעטון דאס פרישע העמד און דאס אלטע איבערגעלאזט.

מיך דערזעען אינם שפיגל אן ארומגעוואשענעם, א ראזירטן, אינם פרישן העמד מיטן שילער־קראגן, האב איך מיך א טאפ געטון ביי דער בוזעם טאש צי כ׳האב דארט מיינע כתב־ידן און דער עיקר דאס לעצטע ליד, ווייל ס׳האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז מיט דעם לעצטן האב איך מיך טאקע דערהויבן צו דעם, וואס הייסט פאעזיע. און ביזן היינטיקן טאג אזוי מיין איך אלץ אז דאס לעצטע ליד איז דאס בעסטע — דאס בדרך אגב.

כ׳האב מיך געלאזט גיין צו דער אויגוסט־שטראסע, אבער ווי נאר כ׳האב א טראכט געטון האט זיך גוסטע געשטעלט מיר פאר די אויגן. איך שמייכל צו מיר און אפשר איז עס גאר דאס אויגוסט־שטראסע, וואס דערמאנט מיך אין איר — אויגוסט, גוסטא... וואס לענגער איך גיי, ווערט איר בילד קלענער, איינגעשרומפענער. איך זע נאר די קלארע, בלויע אויגן אירע, דעם בלאנדן קאפ האר, מיטן ווייסן שרונט... בשעת די פולע, תאווהדיקע ליפן פון דער שענקערין גאר שרייען מיר אריין אין אויער: „אררש”... איך שפיר ווי כ׳גיב א פינטל מיטן אויג ווי פיניעלע, אמאל מיט דעם, אמאל מיט דעם: צי בין איך משוגע געווארן!! איך גיב מיך שנעל א דריי־אויס, צי ווייל כ׳מיין אז כ׳האב עס אויסגעשריגן און עמעץ ווער האט עס געהערט אדער ווייל כ׳וויל אויסמיידן די „גוסטא”־שטראסע און דריי מיך אריין אין אן אנדערער גאס...



עס איז שוין גוט טונקל און איך שפאן נאך אלץ. על רגל אחת ווילט זיך מיר וויסן וואס איז דאס אזוינס אייגנטלעך ליבע און וואס ליידנשאפט? — פון אהבה ביז תאווה צווישן די צוויי אנהייב־ווערטער איז דאך דאס גאנצע מענטשלעכע לעבן... ווי ווייט איז די אינסטיטוציע חתונה ביז פראסטיטוציע... פיניעלע, נעבעך, וואלט ער געווען חתונה געהאט מיט דער בלאנד־געפארבטער אשת־חיל וואלט ער אצינד געווען „פינקאס אונד זאן”... „ווער ווייסט זי, די שווארץ־יאר, פון וועלכן דייטש זי האט דעם זאן”... הער איך פיניעלעס רעזיגנירט קול.

כ׳דערמאן מיך אין איר, אין דער דארף־שיקסע, וועלכע האט א קינד פון איר „העלדיש געפאלענעם ברויטיגאם” — וואס האט מיר געשטעקט דעם האלבן לאבן ברויט אין בוזעם אריין: וואסערע טיפע מענטשלעכע געפילן האבן ביי איר געמוזט אנגיין בשעתן געזעגענען... מיך פרעגנדיק אויף מיין אדרעס האט זי מיך אזוי טרויעריק אנגעקוקט... „יא, דאס בוך צו קענען שיקן” האט זי זיך שנעל ווי שעמענדיק געכאפט...

איך האב געהאט אינגאנצן פארגעסן דערין, אין בוך. כ׳האב איר געגעבן שמואל לעווינס אדרעס. זי איז שנעל „פארדופטעט”, זיך צומאל נישט קיין איין מאל מער אויסגעדרייט...

ווען כ׳בין ארויפגעקומען צו די בראנשטיינס בין איך שטיין געבליבן ווי ביים ערשטן מאל אין קיך: חברה איז געזעסן ארום טיש און לעווין האט דעמאנסטרירט דאס איבסן־בוך: „איבער פיר יאר האב איך עס שוין און ס׳האט אויסגעזען ווי ניי די אלע יארן... מיט דער לעצטער פאסט האב איך עס באקומען, אבער א בריוועלע פון צוויי שורות ס׳זאל דערביי זיין”... דאס קול זיינס האט געקלונגען באטריבט, אבער מער איבער דעם בריוועלע.

כ׳האב מיך מער נישט געקענט איינהאלטן. דערפריידט וואס די מעלקערין האט אזוי ערלעך און געטריי באותה רגע אויסגעפירט איר שליחות, און א בגילופנער, טאפנדיק מיט איין האנט די באנקנאטן אין קעשענע, בין איך מיט איין שפאן געווען ביים טיש: „שמואל, גלויב מיר דאס געשעעניש מיט דעם בוך, פאר וואס ס׳זעט אויס אזוי ווי ס׳זעט אויס און און אז דו האלטסט עס יעצט בכלל נאך אין דיין האנט האט איך זיך מער דראמאטישקייט ווי דער גאנצער איבסן, מיט אלע זיינע ווילדע קאטשקעס. ווי פשוט אלע זאכן זענען און אזוי טיף, און דא קומט ער מיט זיינע פלפולים: לפי זה מוז מען אים, דעם בוימייסטער, אראפווארפן פון הויכן טורעם”.

חברה, אויפהויבנדיק די אויגן און מיך דערזעענדיק, אזא פריש־ראזירטן אין נייעם שילער־העמד און אין מיין בגילופין־שטימונג, האט זיך דערפריידט מיט מיר. מרדכי, וואס איז געזעסן ביי גוסטן, וועלכע איז רויט געווארן ווי די מעלקערין בשעת זי האט אויפגעהויבן דעם קאפ נאכן מעלקן פון אונטער דער ווארעמער קוס בויך, איז אויפגעשפרונגען: „זעט נאר, דער יונגער שילער, „קאבאלא אונד ליבע”... זעסט דאך אויס ווי א זשעני, וואס קומט צוריק נאך א קור פון באד קיסינגען”...

מיט א צוויי־דייטיק שמייכעלע ווי ער וואלט א לאנדרינקע געגאגט צווישן די ברייטע, שארפע ליפן, אנקוקנדיק גוסטאן, וואס איז רויט ווי א צוויק, אזש דער ווייסער שרונט אין בלאנדן קאפ האר איז פארשוואונדן, האט ער זיך געזעצט אויף דער זאפע. איך האב מיך אנידערגעזעצט אויפן ליידיק־געווארענעם בענקל ביים טיש... טאקע ביי גוסטאן און דערשפירט א פרישע שווייסקע ווארעמקייט, אקארשט מסתם ארויסגעדאמפט מיט איר רויט ווערן. כ׳האב איינגעאטעמט מיט הנאה...

שיע איז פארשוואונדן, ער איז געלאפן קויפן פילזנער ביר און קראקעווער ווארשט. ווען ער איז צוריקגעקומען, האב איך שוין געהאלטן אין דערציילן פון פיניעלען. ער איז געבליבן זיצן ביי מאקסן אויף דער זאפע און זיך שמייכלענדיק צוגעהערט. מאקס האט מיט הנאה צוגעהערט דאס לעבעדיקע דערציילן, דאס זיס־זויערע שמייכעלע פון די שארפע ליפן איז געווארן א ברייטס, א תאווהדיק־פריילעכס; שיע האט געשמייכלט פון דעם, וואס ער האט געוואוסט מכוח דעם „געוועזענעם" פיניעלען...

„וואונדערלעך, אקארשט א נייער אין בערלין און שוין זיך צונויפגעקאמפאניעט?"

„מיר האבן זיך גיכער צונויפגעשמעקט! כ׳זאל נאר נישט האבן ביי אים אזא סוף ווי ביי וואלדי... די ציטערדיק דעגענערירטע, לאנגע..." פיניעלעס פינגער. וואלדיס אויערן?" כ׳ענדיק נישט...

מרדכי האט זיך הילכיק צעלאכט. אויף שיעס פארוואונדערט קוקן, האט אים מאקס געזאגט, נאך אלץ לאכנדיק: „א שאד ביסט נישט דא געווען און געהערט די מעשה מיט וואלדי דעם דאקל".

° ° °

איך בין שוין די נאכט נישט געשלאפן אליין — כ׳בין געשלאפן מיט מאסטבוימען! עס זאגט זיך אזוי געשלאפן — כ׳בין געלעגן און געהערט מאסטבוימס שדכנותדיקע שטימע: אלע האבן דאך געזעען ווי די גוסטא איז נישט גלייכגילטיק... אפילו ווען א שידוך, איז עס א שמאלץ־גרוב... א רייכער גאליציאנער אייער־סוחר... א פינגער נאר צוצולייגן און מ׳ברעכט טעלער..

מאסטבוים פאלט אריין אין פאטעטישן עקסטאז און הייבט אן צו רעדן הויך ווי ער וואלט דעקלאמירט זיינע דויטשע לידער — ווען ער רעדט איבער ליבע רעדט ער הויך־דויטש...

איך האב מיך געמאכט שלאפן, און אפשר בין איך טאקע געשלאפן און געחלומט און די טרוימען זענען געווען דער המשך, די שפאנענדיקע פארטזעצונגען פון מיינע בין־השמשות מחשבות, וואס ווער קאן זיי כאפן און ווער פארשטיין?

ווען כ׳האב געעפנט די אויגן, האט מאסטבוים — פאקנדיק זיינע שטרויענע היט אין גרויסע פידלעס, גרעסער ווי ער אליין, שוין געווארט דערויף. ער האט נישט גערעדט מיט מיר מכוח שידוכים, ער האט מיט מיר גערעדט מכוח ווערן ביי אים א מארק־העלפער — אויב שוין א פעקל־טרעגער ביי א טיר־



קלאפער, איז דאס שוין אסך מער, א מלאכה קלה ונקיה. דאס טראגן איז דאך לייכט, ס׳איז שטרוי — דאס פאקן איז א קונצשטיק. נו, כ׳בין דאך א קינסטלער, וועל איך עס שנעל כאפן. די גאנצע ארבעט איז א צוויי־דריי שעה פארמיטאג, דערנאך בין איך א פרייער מענטש, א פרייער קינסטלער.

מישטיינסגעזאגט, די גאנצע ארבעט. ס׳איז שטיין ביי דער שטעל א קוק צו טון מ׳זאל נישט צענעמען ס׳ביסל סחורה... נאטירלעך, ער איז נישט פיניעלע, ער האט קיין טאשן מיט באנקנאטן... ביי אים וועט מען מיר נישט אנטון קיין קייטעלעך אויף די הענט — מ׳קען דאך אים דא אין דער אוגוסט שטראסע, דאס פיניעלען... ער דרייט זיך תמיד ארויס מיט זיינע גאלדענע הענטלעך, אבער זיינע שותפים... פאר דעם זארגט שוין וויגדורל... אים אבער, דעם „פאטער" פון איר זאן, לאזט מאדאם „וויקטאר עט זאן" נישט אנרירן.

ווי געזאגט, ער איז נישט פיניעלנע, נאר וואס ער וועט עסן וועל איך עסן, און דאס בעט איז תמיד אפן פאר מיר. און אין דער פרייער צייט וועט מען א שמועס טון איבער ליטעראטור, איבער דיכטונג.

איך האב געגעבן א קוק אויפן בעט און מיר געטראכט: מילא, פאר היינט ביינאכט מוז איך דאך זיכער „באצאלן"... איך בין דאך שוין דא געשלאפן... און מיך א שטעל געטון ביי די גרויסע פידלעס און גענומען מיטהעלפן ביים פאקן די שטרויענע היט.

(שלוס פונם קאפיטל קומענדיקן נומער)

### אייזיק גאלדבערג

## ישראל און די יידן

נאך קיינמאל זענען די יידן נישט געווען אזוי פארייניקט ווי די לעצטע צייט האט עס באוויזן. מיט דעם ישראל־קריזיס האבן, אן אויסנאם, אלע דערפילט, אז דער גורל פון ישראל איז פארבונדן מיט דעם גורל פון די יידן פון דער גארער וועלט.

די לעצטע פאליטישע געשעענישן פון מיטל־מזרח, די רייבונגען פון די אראבישע פעלקער אקעגן ישראל, האבן דערפירט צו דעם קלימאקס פון אן עקספלאזיע, וועלכע האט שיער נישט ארומגעכאפט די גאנצע וועלט.

עס איז טאקע געקומען צו א לאקאלן מלחמה־אויסברוך פון די אראבישע פעלקער פון אן ערך זיבעציק מיליאן און נאך מיט דער אונטערשטיצונג פון רוסלאנד. צו פארניכטן, חס ושלום, מדינת־ישראל. אדער בעסער געזאגט, ווי די אראבישע פירער האבן ביי זייער פארייניקונג אפן דערקלערט. אז זיי האבן יעצט ישראל אין זייערע לאפעס און וועלן זי צעקנאקן ווי א נוס אין א ניסקנאקער; און דעם רעשט וועלן זיי ארייניאגן אין ים אריין...

דאס קאמוניסטישע רוסלאנד, מיט דעם סצעפטער פון סאציאליזם און מענטשנרעכט, האט דא געשפילט א הינטער־קוליסן פאליטיק פון א „מלאך־הגואל" און דערביי געגאנגען אין די זעלבע טריט ווי דאס היטלער־דייטשלאנד... וועלכעס האט די וועלט־מלחמה אנגעצונדן, מיט דעם שלאג־ווארט, אז די יידן זענען אין אלעם שולדיק. דאס מאל האט רוסלאנד אנגעוויזן, אז נאר

מדינת־ישראל איז אין אלעם דער חייב און די אראבישע פעלקער זענען, נעבעך, די אומשולדיקע שעפעלעך, וואס נאר רוסלאנד קאן און וויל זיי באשיצן!

פאר אירע אימפעריאליסטישע קאמבינאציעס האט רוסלאנד אויסגעזוכט אויף דעם שאך־ברעט פון דער וועלט־מאפע דאס קליינע ישראל אלס דעם שולדיקן און די צוריקגעשטאנענע אראבישע, פעאדאלע פעלקער, מיט א קולטור פון שקלאפן־האנדל און הארעמס, באפאנצערט מיט די מאדערנסטע מלחמה כלי־זיין אקעגן ישראל; אקעגן דעם יידישן פאלק, וואס האט צוויי טויזנט יאר געליטן פון קרייץ־צוגן, פאגראמען, אינקוויזיציעס און צולעצט די שוידערלעכסטע קאנצענטראציע־לאגערס מיט קרעמאטאריעס און אנדערע מיתות משונות, אין וועלכע עס זענען אומגעקומען זעקס מיליאן יידן.

עס איז דא איבריק צו דערמאנען ווי די אטמאספערע פון דער וועלט איז געווען אנגעפילט מיט אויפרייס־פולווער. וויכטיק איז דא דער אויפברויז פון די יידן אין דער וועלט און דער אפרוף פון אלע יידישע הערצער, וואס זענען געווען אנגעפילט מיט שרעק. דאס געפיל פון שרעק האט זיך גענומען דערפון וואס די יידן האבן ווידערמאל דערזעען די וואמפיר־געשטאלט, דעם מלאך־המות מיט די טויזנטער אויגן, מיט די שרעקלעכע, חייהשע, סאדיסטישע אינסטינקטן פון דער נישט לאנג פארגאנגענער היטלער־תקופה פון קוים צוויי צענדליק יארן צוריק. אט די חייה איז ווידער אויפגעשטאנען תחית־המתים!...

ישראל אבער איז, צו דעם גרויסן וואונדער, געווען ביי זיך זיכער און שטארק גענוג ארויסצוקומען מיט א נצחון. דאס האט ישראל אויך באוויזן, ווייל עס איז נישט געווען קיין ברירה ווי נאר צו קעמפן און זיך נישט לאזן דאס מאל אזוי מאכטלאז אונטערגעבן צו די נייע היטלערס...

אין אזא סיטואציע פון לעבן אדער טויט האבן די ישראלים געקעמפט ווי די לייבן און, ווי געזאגט, מיט ניסים געוואונען א נצחון, וועלכער איז פארבונדן מיט א צוויי טויזנט־יאריקן חלום און אויך געראטעוועט דעם יידישן כבוד פון דער גארער וועלט. דאס וועט בלייבן א היסטאריש געשעעניש!...

עס קאכט אויף דאס בלוט ביי יידן, אן אונטערשיד צו וועלכער קלאס, פארטיי און דעסגלייכן זיי געהערן; אפילו אויך ביי נישט־יידן, וועלכע פארמאגן א פונק פון מענטשלעכקייט, איבער דער ראלע, וואס רוסלאנד שפילט יעצט; שוין מיט דער דערקלערונג אין דער יונ״א, אז ישראל איז דער אגרעסאר און פונקט אזוי באפאלן די „אומשולדיקע" אראבער ווי היטלער האט עס געטון אין דער טשעכאסלאוואקיי, פוילן און אין אנדערע לענדער.

איך גלויב, אז קאמענטארן זענען דא איבריק...

דערפאר איז נישט קיין וואונדער וואס ישראל האט געקעמפט מיט אזא מסירת־נפש. אפאר קורצע אויסצוגן פון בריוו, וואס איך האב באקומען, קאנען דאס מער־וויניקער באלויכטן.

מיינס א קוזין פון פתח־תקוה שרייבט אט־וואס:

„ס'האט פלוצים אויסגעבראכן א מלחמה מיט ישראל. אלע אראבישע לענדער ארום האבן זיך פאראייניקט אקעגן אונז. מיט איינמאל איז געווארן באמ־



באררדירט תל־אביב, נתניה, פתח־תקוה, ירושלים אא״וו. אונזערע טייערע קינדער קעמפן ווי די לייבן. ביי אונז זענען אלע דריי זין אין מיליטער. דערווייל לעבן מיר איבער גרויסע שרעק. עס זענען שוין דא קרבנות. מיר האפן, אז גאט וועט נישט פארלאזן דאס פאלק ישראל. דעם בריוו שרייב איך פיר אזייגער ביינאכט".

א קוזין פון תל־אביב שרייבט:

„די דאטעס פון אנהויב יוני, 1967, וועלן זיין פון גרויסע היסטארישע טעג. גאנץ ירושלים, בית־לחם, שכם, חברון, קבר־רחל און אנד. זענען אין אונזערע הענט. דאס איז געווארן א ווירקלעכקייט אין אונזער תקופה. מיר פילן זיך שטארק, ווייל די מלחמה האט פאראייניקט חסידים און פרייע, בונדיסטן, קאמוניסטן און חירותניקעס, ארום און רייך, מענער אויך פרויען. מיין זון איז אויך אין מיליטער. עס קאסט יידיש בלוט, אבער נישט, חלילה, אוישוויץ... נישט קיין פאגראמען, קיין באהאלטן זיך אין בונקערס אדער קעלערס. שטאלץ און שטארק, מיט אמונה קעמפן אונזערע גבורים־מיליטער.

„און עס זענען דא וועלכע ווילן שוין אויף ישראלס פלייצעס חשבונען. צווישן זיי איז דער וועלט־הערשער דאס סאציאליסטישע רוסלאנד, וואס רעדט וועגן שלום און גלייכבארעכטיקונג; דער, וואס הערשט איבער מזרח־אייראפעאישע לענדער און האט ליקווידירט אזויפיל אייגענע רוסישע מענטשן. אט דער העלפט יעצט אבדול־היטלער נאסער מיט די אנדערע שווארצע פאשיסטישע קליקעס...

„מיר פילן זיך שטארק, ווייל מיט אונז זענען אויך פאראייניקט אלע יידן פון דער וועלט. מיט דער עקזיסטענץ פון ישראל איז עם־ישראל חי!"...

א גאענטער פריינט און חבר פון גבעתיים שרייבט:

„מיר האבן פיל מיטגעמאכט. אלץ איז געווארן אונטערשטיצט און אונטערגעהעצט פון רוסלאנד אקעגן ישראל. יעצט איז קלאר רוסלאנדס שטעלונג בנוגע יידן. ווען נישט רוסלאנד וואלטן מיר שוין לאנג געלעבט מיט די אראבער אין שלום".

אנדערע קוזינען פון תל־אביב שרייבן:

„פרעגסט ווער אלץ איז אין מיליטער? יעדער אן אויסנאם! נישטא קיין הויז, וואו קינדער און אויך עלטערן זענען נישט אין מיליטער. איך האב מיין זון אליין געפירט מיט מיין אויטא זיך צושטעלן אין צייט. איך אליין בין יעצט אין דער מיליציע. מיר האבן נישט קיין אנדערע ברירה ווי קעמפן אדער זיך לאזן אומברענגען. מיר האפן אויף א באלדיקן נצחון"!

ווען מיר לייענען אזעלכע בריוו פרעגט זיך ווען האבן יידישע עלטערן גערעדט מיט אזא שטאלץ וועגן זייערע קינדער מלחמה־גבורים? ווען האבן יידישע טאטעס אליין געפירט זייערע זין זיך צוצושטעלן אין מלחמה און אליין אויך געגאנגען מקריב זיין זייער לעבן?

דאס קאן נאר זיין אין ישראל. נאך דעם ווי דאס יידישע פאלק האט געליטן צוויי טויזנט יאר גלות און יעצט נאך, נאך דער היטלער־תקופה, איז אויך קלאר

ארויסצוזעען וועלכן שטאנדפונקט רוסלאנד פארטרעט. מיט סאציאליזם האט דאס אבסאלוט קיין שייכות נישט...

דערפאר איז ישראל און אויך דאס יידישע פאלק גרייט מקריב צו זיין אלץ פאר זייער שטיקל אויסגעבענקט לאנד, וואס זיי האבן אליין אויסגעקעמפט אויף דעם גרויסן גלאבוס, וואס די שונאי־ישראל און צום טייל אויך גוטע פריינט פארגינען עס נישט...

דערפאר איז מדינת־ישראל בארעכטיקט צו פארזיכערן אירע גרענעצן, אזוי, אז עס זאלן זיך אזעלכע מלחמה־קריזיסן נישט מער ווידערקערן!

## מ. ניסענבוים

### לאנד ישראל

(איינדרוקן)

דאס ערשטע מאל זעענדיק דאס וואונדערלעך־היסטארישע לאנד אונזערס, וואס איז אין איר נאטור שיינקייט אזוי צוציענד פארן אויג, אז נישט אומזיסט, גלויבט מען, האבן זיך דא אנגעהויבן די אלע גרויסע זאכן און דאס געטלעכע ווארט צו אברהם, משה און אנדערע נביאים־פאעטן.

דער מענטש מיט א בעסערן אויג ווערט באפליגלט און הייבט אן פליען; ווערטער און געדאנקען ווערן געבוירן:.. וואונדערלעך־שיין ביסטו, לאנד אונזערס! דיינע שטילע בערג, טאלן און דעם ים־כנרת צו זעען אין א פרימארגן איז צו רייך דאס אפצומאלן. צו ארעם איז די שפראך זיך אויסצודריקן... נישט א׳מזיסט האבן די בני־ישראל טויזנטער יארן געבענקט נאך דיר, מאמע־ישראל, און דיך ענדלעך צוריקגעפונען!

ליידער שטייען מיר מיט די זעלבע שונאים פון אמאל ווידער אין א קאמף; די זעלבע פרעהס מיט די אלע מיצרישע פעלקער, וואס האבן דיך ישראל, פארנאכלעסיקט; פארגינען אונז נישט וואס ישראל איז ווידער אויפגעלעבט און איז א מוסטער פאר דער וועלט...

קומענדיק צוריק נאך ניו־יארק, האב איך נאך אלץ געלעבט אין דעם שיינעם חלום פון ישראל. ליידער האט מיטאמאל א טונקעלע כמארע זיך פארצויגן. הערנדיק, די ידיעות, אז ישראל שטייט אין מלחמה מיט די אראבישע שכנים, האבן מיר די העלדישע גבורים פון ישראל פארזיכערט אז זיי זענען אלעמאל גרייט צו קעמפן פארן כבוד פון יידישן פאלק.

באלד אין אפאר טעג האט ישראל באוויזן, אז זי איז נישט מער דאס שעפסעלע, וואס מ׳קאן עס פרעסן און ווער עס וויל נאר...

ס׳האט נישט לאנג גענומען און נאסער מיט זיינע פינסטערע אראבישע העלפערס צוזאמען מיט דער גרויסער הילף פונם אזוי צו זאגן קאמוניסטישן רוסלאנד איז געלעגן צעבראכן און צעקריפלט... דער רוסישער בער האט, ס׳מאלט, נישט געקאנט צוריקהאלטן די אראבישע חיילות פון לויפן, אויב זיי האבן נאך געקאנט...

דער גלויבן האט זיך ביי מיר נאך מער געשטארקט, זעענדיק ווי דאס יידנ־



טום אין אמעריקע איז מיט איין מאל געווארן ווי א ווולקאן, וואס מ׳קאן נישט צוריקהאלטן. ווי א פייערדיקע לאווע זענען די יידן פון ניו־יארק ארויס אין א ריזן־מאניפעסטאציע פון אן ערך צוויי הונדערט הויזנט. מען האט געגעבן געלט אין די מיליאנען צו שטיצן ישראל. יוגנט אין די טויזנטער האט זיך פרייוויליק געמאלדן צו גיין פארטיידיקן דעם כבוד פון שראל. מ׳האט זיך גארנישט פארגעשטעלט אזא ענטוזיאזם זאל קומען אין חוץ־לארץ...

דאס מאל האבן יידן באוויזן, אז אין אן עת־צרה, שלא תבוא, זענען זיי באמת איניק. נישטא מער קיין חילוק צווישן רעכטס און לינקס, ארעם אדער רייך. מיט אט דעם כוח האט ישראל, געשטיצט פון די יידן אין דער גאנצער וועלט, באוויזן אז דאס יידישע פאלק מוז זיין גלייכבארעכטיקט מיט אלע פעלקער און לענדער צוגלייך!...

## מאריאן העמאר

### די קלאג - מויער

(כותל־מערבי)

אייביקער ייד, וואנדערער,
אין אט דער רגע האט גאנצע וועלט
דעם אטעם געהאלטן און אין דיין זייט
אירע אויגן געווענדט.

שטייסט ביי דער קלאג־מויער
נאך צוויי טויזנט יאר,
האסט אן אויפגעהויבענעם שטערן.
ביסט דא צוריק שוין.

דערקענט האבן דיך די ציגל,
דערקענט דיך די שטיינער
פייכטע פון טרערן.

פונדאנען האבן זיך צוויי וועגן געשיידט
איבער פעלדער פון גאנצער וועלט
ביז וואו ס׳איז קיין וועג מער,
אויף פחד, אויף פארניכטונג,
אויף גלותן ווייטע און נאנטע.
דא איז געווען אנהויב פון דיין וואנדערן,
דא אויך דער סוף.

און איצט הערט מען א שופר,
געשאקלביים דאווענען,
איצט ווי אדלערס ווייגען
און ווי הענער קרייען
ווען באגינען איבער הימלען זיך ווייזט.

זיי האבן דיין הארץ געסמט
מיט אט דער רגע, דער האפנונג,
אין משך פון טויזנט יארן צוויי.

זיי האבן דיך געפירט איבער
גלות־לאבירינטן,
דורך פאגראמען רוסישע,
אינקוויזיציעס שפאנישע,
קאמערן גאזיקע,
דורך גיהנום אויף דר׳ערד דורך
אלע געטאס אויף דער וועלט
און אלע יסורים,
זיי האבן דיך געפירט איבער
שאנד־סלופעס און שייטערס,
שפאט און שלעכטס,
און דו ביסט אנטרונען מיט פאניק
ווי צערייצטער הונט.

טויזנט מאל געשלאגן
ביסטו אין שטויב געלעגן
און דיין נאמען אפילו,
שם ישראל,
געווען איז א נאמען פון פאראכטונג,
געווען איז א נאמען פון באליידיקונג
אין מויל פון המון.

ווי איוב מיט וואונדן באדעקט
האסטו א טויזנט מאל געגוססט
און בלויז דאס קול פונם שופר
האט דיך פונם מיסט דערהויבן
און געהייסן ווידער זיך שלעפן
איבער באדן פון דערנידעריקונג,
איבער גיהנום אויף ערד — איבער
אלע שינויים פון גורל
און אלע ספק־ספקות. ערשט
איצט דערהויבסטו דיין פנים
און שטייסט אויפסניי ביי דער וואנט
פייכטער פון טרערן.

און פונקט ווי פאר גאט דיינעם
געהייסן מ׳האט דיר שטיין,



האסטו דעם קאפ באדעקט
מיט העלם א שטאלענעם.

און אויף ארעם דיינעם
עס קלינגט נישט די הארף מיט זיפצן,
נאר אן אינסטרומענט
צו שפילן וואס שענער.

שוין הילכן מער קיין שאסן,
שופרות איצט זיך הערן
פון אלע דא די זייטן.
איצט ביי פראגמענט פון דער מויער
שטייט דער זיגער
און מיט קאפ בוינט ער זיך מודים
און וויינט פאר גליק.

נאכאמאל אין געשיכטע פון דער וועלט
האט דער מלך דויד באוויזן אונז,
אז ווער ס׳וויל גליתן בייקומען
מוז זיין איינער אליין.

מוז זיין איינער אליין, אויג אויף אויג
מיטן שונא — און בלויז באוואפנט
מיט ליבשאפט דער פרייהייט, מיט טיפן
גלויבן, אין גערעכטיקייט פון זיין מלחמה.

מוז ארויס פון הויז ביינאכט,
אויף צוויי־קאמף אומפארמיידלעכן
און וויסן, אז דורך איבערמאכט
פון שונא אליין וועט ער זיין.

אז וויפל פריינט נאר געהאט, פלוצים
„נייטראל“ געווארן זענען אלע — שטרענג
נייטראל אין מעשים, נייטראל אין כוונות,
נייטראל אין מחשבות.

אז יעדע בקשה האט קיין זין,
אז בעטלען וועט גארנישט העלפן,
אז יעדע גערעכטיקייט טוט ברענען.
אז קיין פרייהייט וועט אים נישט שענקען
קיין שום דעקלאראציע
פון קיין שום באלפור,
קיין שום פונקט

פון קיין שום ווילסאן.
אז גאראנטיעס צווײדײטיקע,
הבטחות הויך אויף קול געגעבענע,
פארשפרעכוּוגען אומדיסקרעטע,
לייזונגען פשרותדיקע,
קיין ווערט האבן צי פון מערב,
צי פון מזרח.

יעדער נצחון פון א פאלק
איז נצחון פון כאראקטער זיינעם,
נישט פארדינסטל פון א פרעמדנס
שטיק פאפירל.

אין געשיכטע נישט מען רעכנט לענג
פון אומגליק און פון קומער.
בלויז דאס רעכנט זיך אין איר יא:
וועג און ציל פאר די אויגן
און ליבשאפט — קאמפאס־נאדל
וואס ארויספירן וועט זיי פון קנעכטשאפט,
ווי ארויסגעפירט אייך זי האט אמאל,
און וועט אמאל זיי דערלויבן
צו שטיין אויפסניי פאר פראגמענט פון מויער
און אוועקצולייגן די כלי־זיין
און צוריק צום קול פון שופר, וויינענדיק
פאר פרייד.

איך, וואס אין יוגנט בין פון אייך אוועק
צו אנדער לשון, צו אנדער פאלק,
קוק מיט קנאה און טראכט מיט טרויער.
וואו איז אונזער ירושלים עיר־עתיקה?
וואו אין איר אין די חורבות
ליגט איצט פון אונזער קלאג די מויער?
וואו דאס געווער צו אומוואנדלען
די הארפע פון ירמיהו?

פון פויליש איבערזעצט **א. אלמוג**

---

דער גוט באקאנטער רעוו. הערמאן, וואס איז געווען דער גרינדער פון די זקנים־קלובס, איז געשטארבן. אונזער מיטלייד דער משפחה. צום נפטר ווערן פונם תלמיד־חכם שמואל גאנזווע דריקן מיר אויס אונזער טיפע מיטלייד דער אלמנה און קינדער — פריינט פון יידיש לשון.

---





## דער זילבערנער שפיגל פון ישראל

„דורך מיינע אויגן"

צו זינגען א שבח פאר ישראל, דאס איז שוין באקאנט, ווארום ווער קומענדיק פון דארט, קען אדער אפילו פרובירט צו זאגן אנדערש? צו הערן ליבגעזאנגען, צו דעם בין איך, ווי אויך אומגעציילטע אנדערע מענטשן, צו געוואוינט. די שיינקייט פון לאנד, די היימישע יידישקייט, דאס אלץ איז באקאנט יעדן איינעם און איך, פארנדיק אהין, האב דערווארטעט דאס אלץ איבערצולעבן. אבער וואס איך האב נישט דערווארטעט איז געווען דאס געפיל, וואס האט מיך, ווי מיט א הייסער האנט, ארומגענומען, אז איך בין דארט געבוירן געווארן. אלע לענדער, אין וועלכע איך האב געלעבט, געארבעט, געהאט פריינט, באקאנטע, געווען גליקלעך אדער נישט צופרידן, דאס אלץ איז פארשוואונדן אזוי ווי א שלעכטער חלום. איך בין נאכאמאל געבוירן געווארן. פריי און גליקלעך האב איך זיך ארומשפאצירט אויף די גאסן פון תל־אביב, און ווידער יונג און פיל מיט ענטוזיאזם האבן מיינע אויגן געקוקט אויף דעם וואונדערבארן פייזאזש פון ים, זון, ביימער און גאסן. מען קען נישט זאגן, אז תל־אביב דערמאנט אין היסטאריע אדער די ביבל. מער אין מיינע אויגן איז דאס א קאמבינאציע פון דרום־פראנקרייך, די שווייץ און די אמאליקע ווארשע.

רואיקייט און חלום גייען האנט אין האנט צוזאמען מיט געפילדער און גערויש. דערשטוינט האבן מיינע אויגן געקוקט אויף טעאטער און פילם־פלאקאטן בלויז אין העברעאיש; אפילו נישט קיין איין ווארט אויף יידיש אדער גאר ענגליש. טעג און טעג זיינען אדורך אין א גליקלעכן חלום. עס האט זיך אפילו נישט געוואלט באזוכן אנדערע ערטער. אזוי האט תל־אביב מיך פארכישופט און געהאלטן ווי א פארליבטן אין די ארעמס פון זיין געליבטער.

דאך האב איך געפילט, אז עס ווילט זיך זעען ישראל. עפעס איז נישט פאסנד צו זיין אין לאנד און נישט צו באזוכן דאס לאנד. זיינען מיר געפארן באזוכן יפו, וואס איז פאר זיך אליין א געשיכטע. אויסגעלייגט ברייט ביים ים, ליגט זי, נעבעך, אין שטיינער און זאמד און ווארט מען זאל זי ברענגען צום לעבן.

ברענגען צום לעבן, האבן אונז דערקלערט יונגע ישראל־פאליס, דארף קאסטן ארום דרייסיק מיליארד דאלאר און מען האפט, אז מען וועט זיי קענען געפינען. דערווייל הויבט מען אן צו בויען ארום און ארום. נייע הייזער באווייזן זיך דא און דארט. מיין אייגענע מיינונג איז, אז אין א פערטל יארהונדערט קען יפו זיין די שענסטע שטאט אין דער וועלט.

פסח האבן מיר פארבראכט אין חדרה און אין חיפה. ביידע פלעצער האבן אויף מיר איבערגעלאזט אן אומפארגעסלעכן איינדרוק. כפר־הרואה — א גן־עדן אינמיטן וואלד. ארומגערינגלט מיט מאראנצן, ציטרין און גרייפפרוכט ביימער,

וואו די איינציקע זארג איז צו בויען נייע ישובים און שולן פאר קינדער צו לערנען.

וועגן חיפה וואלט איך געקאנט דערציילן אן א סוף אבער זאגן וויל איך נאר, אז קיין איין שטאט אין דער וועלט קען זיך נישט גלייכן מיט שיינקייט צו חיפה. די אומפארגעסלעכע פאנאראמע פון כרמל אויף דער נאכט, ווען מען קוקט אראפ און דער ים פינקלט מיט אומגעציילטע ליכט פון שיפן און שיפלעך, יעדע אן אנדערע קאליר, איז פשוט אומגלויבלעך און אומרעאל.

די שטאט אליין איז פול מיט גערטנער. אין קאנטראסט צו תל־אביב איז חיפה זער זויבער און אפגעהיטן. די אויטאבוסן זיינען ריין, פינקטלעך און זער באקוועם. חיפה — די אריסטאקראטקע, די רייכע באלעבאסטע פון ישראל. ס'רוב פון חיפה האבן מיר געהאט די געלעגנהייט צו באזוכן דאס לאנד.

מיר זיינען געפירט געווארן פון מיינע קוזינען מיט זייערע אויטאמאבילן דורך גליל, נגב, נצרת, טבריה, ים־כנרת, דורך אומגעציילטע שטעטלעך, דערפער יידישע און אראבישע צו דער לבנון און סירישער גרענעץ. עפעס האבן די סאלדאטן אויף דער גרענעץ אויסגעזעען ווי א קינדער־שפיל. עס ווילט זיך נישט גלויבן, אז דאס אלץ קען, חלילה, צעשטערט ווערן; אז מען שיסט אדער באמבארדירט. די יונגע גרענעץ־היטער האבן א שמייכל אויף זייערע פנימער, מען רעדט און וויצלט זיך. הלואי זאל דאס טאקע אזוי בלייבן!

איך אזוי ווי אזויפיל אנדערע האב געזוכט היסטאריע, האב געוואלט זעען די פארגאנגענהייט; דעם אנהויב, אן וועלכן ישראל האט נישט קיין טיפע באדייטונג. און איך האב געפונען. דאס געפיל, אז דא איז געבוירן געווארן יעדער ייד, איז ווידער און ווידער געקומען צו מיר און איך האב געפילט א טיפע סאטיספאקציע פון געהערן צו דער ערד, צו דעם הימל, צו דעם ים, צו די שטיינער און זאמד אפילו.

דעם טיפסטן און אומפארגעסלעכסטן איינדרוק האט אויף מיר געמאכט דער שבת אין תל־אביב. דאס איז עפעס, וואס קומט פאר נאטירלעך, אן אן אנשטרענגונג. איך האב בייגעוואוינט פרומקייט אין פארשידענע לענדער, איבעראל איז עס געווען אן אנגעווארפענע זאך. דא אין ישראל זעט איר, אז אזוי דארף זיין. שוין מיט עטלעכע שעה פריער ווערט אלץ געשלאסן. דער פארקער שטעלט זיך אפ און א רואיקייט און טיפע צופרידנקייט נעמט ארום אלץ, וואס לעבט. אפילו די טומלדיקע גאסן, קאוויארניעס שטייען אן א טעם, אן א באוועגונג און דאס האט אויף אייך אזא ווירקונג פון שטילן גליק, אז די גרעסטע פסיכאלאגן וואלטן נישט געקאנט אויסטראכטן קיין בעסער מיטל.

דאס אלץ איז דער זילבערנער שפיל פון ישראל.

דער איבערגעזילבערטער שפיגל איז די טייערקייט פון די האטעלן, דער נאך אלץ חוצפהדיקער און אפטמאל נישט ערלעכער צוגאנג צום טוריסט, די גאווה פון רעגירונגס־באאמטע און נאך אנדערע זאכן, וואס קענען אייך צייטווייליק איריטירן, אבער נעמען ביי אייך נישט אוועק דאס גרויסע גליק און טיפע פריווילעגיע פון באזוכן און פארברענגען אין אונזער מדינת־ישראל.



# דאס יידישע טעאטער אין ישראל היינט — צו טאג

דאס יידישע טעאטער אין ישראל גייט אדורך א פעריאדע פון רענעסאנס, און פאר מיר האט עס איבערגעשטיגן אלץ, וואס איך האב מיר פארגעשטעלט. נאך לאנגע יארן ווי איך האב געזעען דא און אויף יענער זייט ים אן אפאטיע סיי פון אקטיאר און סיי פון פובליקום האב איך זיך ווידער דערמאנט, אז א יידישער אקטיאר איז אן אנגעזעענער, געשעצטער און באליבטער מיטגליד פון דער יידישער משפחה. יידישע אקטיארן אין ישראל זיינען זער באליבט ביי יעדן איינעם, אנהויבנדיק פון עמך ביז דעם יידישן און העבראעישן אינטעליגענט. מיר אליין, אלס יידישע אקטיארן, האבן איבעראל געקריגן א „ווי־איי־פ טריטמענט”; דאס הייסט, מען האט אונז באהאנדלט ווי זער אנגעזעענע מענטשן אויף דער שיף, אין האטעל, אויף די אויטאבוסן, אין די געוועלבלעך, אין רעסטאראן, איבעראל.

מען האט אונז באווארפן מיט פראגן, „ווען שפילט איר דא?” און מען האט טאקע געקאנט זעען דעם אמתן אינטערעס, נישט סתם העפלעכקייט, ווארום דער יידישער עולם אין ישראל שלינגט ממש יידיש טעאטער; ווי קינדער ווען מען ווייזט זיי א צירקוס אדער מען שטעלט פאר זיי א באצויבערט מעשהלע זיצן מיט אפענע מיילער און שיינענדיקע אויגן, פאטשן בראווא און לאכן ביי דער מינדסטער זאך, אזוי זיצט דארט דאס פובליקום פארכישופט און גליקלעך פון דער פריווילעגיע צו זעען יידיש טעאטער. ווי ווייט איז דאס פון דעם פארגליווערטן שמייכל און געצוואונגענע אפלאדיסמענטן!

וואס פאר א פארגעניגן און סאטיספאקציע פארן אקטיאר און צושויער. דאס האט טאקע געברענגט דערצו, אז אויפן הימל פון יידישן טעאטער זאלן זיך באווייזן מלאכים: דירעקטארן, וואס לייגן אריין מי און געלט, כדי וואס שענער און בעסער צו שפילן יידישע פיעסן. און מאכט נישט קיין טעות, מען קען דארט דעם עולם נישט גענארן! כאטש נישט קיין גרויסע מבינים, דאך מיט זייער אינסטינקט ווייסן זיי וואס עס איז גוט און וואס נישט; וואס זיי ווילן און וואס זיי ווארפן אפ. און גרויסע נעמען אימפאנירן דארט נישט.

איך וואלט דא געקאנט אויסרעכענען אנגעזעענע אקטיארן פון לאנדאן און אמעריקע, וואס האבן נישט באוויזן צו געווינען דעם יידישן טעאטער־עולם און נאך א קורצן באזוך געמוזט פארלאזן די ברעטלעך. איך בין דאמאלס דארט נישט געווען, אבער אן שום ספק איז דאס געווען זייער אייגענע שולד. מסתמא האבן זיי געמאסטן דאס ישראל־טעאטער מיט דער אפגעשטאנענער מאס פון לאנדאן אדער ניו־יארק.

נאך לאנגע יארן פארמאגט די יידישע בינע ווידער פיאנערן: יונגע מענטשן פון מיט ענטוזיאזם פאר זייער ארבעט און מיסיע; שיינע, יונגע מיידלעך און גאנץ באגאבטע יונגעלייט. פאר וועלכע יידיש טעאטער איז ווידער א גלאנצדיקער שטערן.

ארבעטן ארבעט מען דארט זער שווער, ווארום מען קען נישט שפילן א גאנצע וואך אין תל־אביב. נאר מען מוז פארן יעדן טאג — אסך מאל א שיינע

פאר שטונדן — צו שטעט און שטעטלעך און אהיימקומען שפעט ביינאכט. אבער דאס, ווייזט אויס, האט נישט אויף קיינעם קיין שלעכטע ווירקונג, ווייל אלע זעען אויס פריש און מונטער. און ארום 12—1 מיטאג זיצט מען שוין מאסנווייז אין קאפע נוגה אדער קאפע ניצא און דעבאטירט מיט חברים און דירעקטארן אין א גוטמוטיקן שמועס.

טעאטער ווערט דארט געשפילט אזויווי גאט האט געבאטן, מיט דעקאראציעס און א גוטן ארקעסטער, איינגעשפילט און זארגפעלטיק רעזשיסירט, אן פרעטענזיעס, ערלעך, אזוי, ווי מען האט געשפילט יידיש טעאטער אין פוילן. די דירעקטארן שפארן נישט קיין געלט און מי. מען וויל נישט אפגענארן דעם עולם. שיינע פלאקאטן, אזעלכע ווי איך האב אין ערגעץ נישט געזעען, שיינען אראפ פון די ספעציעל פאר דעם צוועק געבליבטע סלופעס; א קאלירפולע פאנאראמע אין די גאסן פון תל־אביב.

דאס בעסטע און גרעסטע יידישע טעאטער־פובליקום, האט מען מיר געזאגט, זיינען דארט די רומענישע יידן; אלעמאל גוטע טעאטער־קאנסומענטן. זיי זיינען נישט צופיל איבערגעקליגט, אבער ווייסן זער גוט וואס זיי ווילן: געזאנג, חן, א שיינעם אינהאלט, אקציע, שיינע דעקאראציעס, א מעלאדישע מוזיק. דאס קריגן זיי, און מיט גרויס ענטוזיאזם פילן זיי אן די יידישע טעאטערס ביז צום ברעג.

זייערע הילכיקע געלעכטערס און אפלאדיסמענטן זיינען געווען אזוי־ווי א באלזאם פאר מיינע אויערן און מיט א גליקלעכן שמייכל און א טרויעריקן זיפץ האב איך זיך דערמאנט אין קאלטן לאנדאן.

די יידישע אקטיארן אין ישראל האבן מיט זייער שווערער ארבעט און טיפער איבערגעגעבנקייט באוויזן צו געווינען די ברייטע מאסן פאר יידיש. אן אן אפיציעלער הסכמה, אן סובסידיעס עקזיסטירן זיי און הלואי זאל נאר זיין שלום אין ישראל און אויף דער גאנצער וועלט, זיי וועלן וואקסן וואס בעסער און בעסער.

עס איז דארט פאראן א יידישער אקטיארן פאריין. דער פרעזידענט, יוסף מאורער, איז א דורכאויס אינטעליגענטער, קלוגער און דערפארענער מענטש. אליין אן אקטיאר פון גאר א באדייטענעם קאליבער, פארשטייט ער זער גוט די פראבלעמען, וועלכע זיינען צאלרייך און פירט דעם פאריין מיט א מילדער אבער פעסטער האנט.

עס זיינען פאראן פיר טעאטער אחוץ אונזער גרויסער יוסף בולאוו און עני ליטאן, צו וועלכע איך וועל שפעטער קומען. איין טעאטער, אונטער דער דירעקציע פון מאדאם ליכטענבערג, פרעזענטירט צוויי יונגע סטארס, זינגער פון רומעניען, דזשעני קעסלער און אדריאן סטארר, מיט א גאנץ שיינער טרופע. די פיעסע, וועלכע איך האב געזעען, איז געווען „דער לעצטער טאנץ“ — אן אפערעטע, וואס איז גוט באקאנט, זייער שיין אויפגעפירט און רעזשיסירט פון הארי גרינשטיין, א יונגער אקטיאר, מיט שיינע קאסטיומען און דעקאראציעס, פיין געשפילט און געזונגען. האט זי טאקע געהאט גרויס דערפאלג און



געצויגן א גרויסן עולם.

שפעטער האט דארט אויפגעטרעטן שיפרה לערער און מיכאל מיכאלאוויטש מיט א קאמעדיע, „די כשרה אלמנה“, וועלכע איך האב לײדער נישט געקאנט זעען, ווייל עס איז געווען פסח און מיר האבן פארבראכט מיט אונזערע קרובים.

דאס צווייטע טעאטער האט פאר דעם דירעקטאר ישראל וואלין, א גאר איבערגעגעבענעם און אנגענעמען מענטשן, וועלכער מאלט אליין די דעקאראציעס און פלאקאטן אויף א גאר ארטיסטישן און אריגינעלן אופן. ער האט פרעזענטירט „אונזער רביניו“, א שיינע חסידישע אפערעטע, אין וועלכער דער אומפארגעסלעכער סטאר און זינגער, דוד זיידעמאן, האט געקיניגט אין פוילן. אויך דא אין לאנדאן האבן מיר די אפערעטע געשפילט. עס איז געווען א שיינע פארשטעלונג, פארגעטראגן מיט טאלענט און ענטוזיאזם פון יונגע אקטיארן אן גרויסע נעמען, אבער מיט א באדייטענעם באגאזש פון טאלענט.

עס ווילט זיך דערמאנען א יונגן אקטיאר מיטן נאמען יאנקל האלפערן אין דער הויפט ראל, א בחור מיט חן און פערסאנאליטי, וואס זינגט די נומערן מיט א געפיל אין צוגאנג צו מוזיק. די גאנצע טרופע גאנץ שיין או צוגעפאסט.

גרויסע מאסן פון פובליקום האבן אנגעפילט צוויי מאל שבת אויף דער נאכט א ריזיקן זאאל (וואס נעמט אריין לערך צוועלף הונדערט מענטשן), וואס הייסט אוהל־שם. אזא רוישנדיקע מאסע האב איך אפילו נישט געזעען אין ניו־יארק אין יידישן טעאטער.

מאקס פערלמאן, אונטער דער דירעקציע פון יונגן ליפמאן, האט געשפילט אין דריטן טעאטער. ער האט אויך געהאט גרויס דערפאלג אין א קאמעדיע, „שלימזל וואו קריכסטו?“ אן אויסגעפוצטער עולם פון די בעסערע קלאס האט מיט באגייסטערונג אפלאדירט אים ווי אויך א טרופע פון שיינע, יונגע אקטריסעס און פעאיקע אקטיארן. צווישן זיי געפינען זיך די באקאנטע אקטיארן פון לאדזשער „ארַרט“ יעקב ריינגלאס און זיין פרוי זיסל גארליצקא, גאר א פיינע אקטריסע און זינגערין. די פיעסע איז געשפילט געווארן אין אזוי גערופענעם „זאא“־הויז; א ציוניסטיש קולטור־הויז פון ריזיקן מאסשטאב, געבויט צווישןביימער אויף א פראכטפולן בולוואר. אט אין דעם אימפאזאנטן הויז געפונען זיך צאלרייכע זעלער, אין וועלכע עס ווערן אפגעהאלטן רעפעראטן, פאלקס־פארשטעלונגען און קולטורעלע צוזאמענקונפטן.

אין ישראל געפינט זיך איצט יוסף בולאוו און שפילט דארט טעאטער מיט גרויס דערפאלג. מיר האבן אים גראדע געזעען אין אן אוונט רעציטאציעס פון שלום עליכם, א. לוצקי און יעקב גלאטשטיין. א גרויסער עולם אינטעליגענטן האבן אנגעפילט דעם „אוהל־שם“ און באשאנקען זייער אויסדערוויילטן מיט אוואציעס און אפלאדיסמענטן. ער האט שפעטער אויפגעפירט א קאמעדיע, „דער קיביצער“, וועלכע איך האב צו מיין באדויערונג נישט געהאט קיין געלעגנהייט צו זעען: אויך צוליב דעם וואס עס איז געווען פסח. מען שפילט נאר אין תל־אביב איין מאל און אז איר פארזוימט, האט איר שוין נישט קיין

מעגלעכקייט צו זען די פיעסע.

דער אומגעקרוינטער קעניג איז, פארשטייט זיך, דזשיגאן. ער האט שוין דאמאלס געהאט געענדיקט דעם סעזאן, „די שלום־עליכם יידן“, וואס האט געהאט גרויס דערפאלג און אויפגעפירט בלויז עטלעכע רעוויו פארשטעלונגען פסח. אויך די פארשטעלונג האב איך נישט געזען צוליב איינלאדונגען פון פריינט אקטיארן.

דזשיגאן האט יעצט אן אייגן טעאטער, א קליינעם, שיינעם זאאל אויף „מענדעלע גאס“, זער פאפולער ביים פובליקום. אט אין דעם טעאטער האב איך געזען די באוואוסטע אקטריסע עני ליטאן. זי האט אויפגעפירט א פיעסע, „מיר פרויען“, אין וועלכער עס האבן זיך באטייליקט בלויז דריי פרויען. עני ליטאן האט מיט גרויס טאלענט און אין סטיל פון אמתן גוטן טעאטער געשפילט די הויפט־ראל. די אנדערע צוויי ראלן זיינען גאר גוט געשפילט געווארן פון א באגאבטער, דראמאטישער אקטריסע (עני ליטאנס שוועסטער) און א יונגיטשקע, באחנטע אקטריסע. עני ליטאן האט רעזשיסירט. מיין אנער־קענונג.

דער קאמיקער און שרייבער שמוליק פישער און זיין פרוי, די זינגערין און שוישפילערין שרה ליפמאן, וואס האבן אזוי הערצאיש פארלאזט ניו־יארק, כדי זיך אויסצולעבן קינסטלעריש אין ישראל, האבן דארט געשאפן א רעוויו אונטער דעם נאמען „די גאלדענע פאווע“, וועלכע זיי ברענגען אין אלע פיר עקן פון ישראל. זאל מזל און ברכה זיי באגלייטן!

גאר א גרויסע קאלאניע פון יידישע אקטיארן געפינט זיך אין תל־אביב. דער באוואוסטער אקטיאר און ליבער חבר, מרדכי הילזבערג, צווישן זיי. מען לעבט זיך שיין און אן זארגן אין א פריינטלעכער, קינסטלערישער אטמאספערע. מען קומט זיך צוזאמען אין קאפע אדער ביי זיך אין דער היים.

מיר זיינען געווען איינגעלאדן אין אומגעציילטע היימען פון פריינט און אקטיארן. איבעראל שיין, ליכטיק און געמיטלעך. אויך אין דעם הויז פון דעם באוואוסטן קאמיקער, יעקב פישער, האבן מיר פארבראכט. ער וואוינט אין תל־אביב מיט זיין שיינער פרוי לידיא. אין זייער הויז איז אן אנגענעמער און גאסטפריינטלעכער ווינקל פאר אקטיארן און פריינט — עס זאל זיי נאר נישט צעשטערט ווערן!

מיר האבן זיך נאך באקענט מיט אסך יונגע, טאלענטירטע אקטיארן פון זינגער. עס איז רוישיק אין דעם יידישן טעאטער־וועלטל. דער נאמען „יידישער אקטיאר“ קלינגט שטאלץ און פריי אין מדינת־ישראל.

הלואי אויף לאנגע, לאנגע יארן!

## דוד בערמאן

### שיין ווי א חלום

איך בין געגאנגען צו א טאנץ זוכן מיר א כלה,
און דארטן געטראפן א מיידל שיין ווי א חלום;
כ׳האב זיך געפילט אזוי איינזאם און זי איז אויך געווען,
און די ליכט זיינען געווען נידריק און די לייכטער געפלאטערט.

אירע אויגן האבן גערעדט: „ליבע“, ווען מיר געטאנצט צוזאם,
איך האב געזען ווי שיין זי איז, ווען אין ארעם זי געהאלטן;
די פלאמען פון מיין ליבע פלאטערן ווי די לייכטער,
כ׳האב מיך געפילט פארליבט, ווען מיר האבן געטאנצט צוזאם.

„איך בין פארליבט“, האב איך גערעדט שטיל „ליבסט דו מיך?“
„איך בין פארליבט“, האב איך גערעדט שטיל „וועסט דו זיין מיין“?
„דו ביזט ווי א חלום אזוי שיין, ווי א חלום,
ווי א חלום שיין, ווי א זיסער חלום“.

די מוזיק איז געווען וויגנדיק און מיין הארץ זיך געוויגט,
די ליכט זיינען געווען נידריק און די לייכטער געפלאטערט,
ווען געטאנצט כ׳האב מיט איר אין מיין ארעם;
און איך האב שטיל גערעדט: „איך ליב דיך אזוי זייער“.

אירע ליפן האבן געשעפטשעט פון ליבע, ווען מיר געטאנצט,
איך האב געזען ווי שיין זי איז, ווען נאנט צו מיר זי געהאלטן;
די פלאמען פון מיין ליבע, פלאטערן ווי די לייכטער,
איך בין געווען פארליבט, ווען מיר האבן געטאנצט צוזאם.

„איך ליב דיר אזוי זייער“, האט זי שטיל גערעדט, „כ׳וועל זיין דיין“,
„איך וועל זיין דיין כלה, אין ווייסן זיידנס אנגעטון,
יא, איך וועל זיין, שיין ווי א חלום, שיין ווי א חלום,
שיין ווי א חלום, שיין — — ווי א חלום“.

## דארע טייטלבוים *

### כ׳האב ליב

כ׳האב ליב דאס שטילע פרידלעכע געמיט
צווישן שוועסטער, ברידער אין דער מיט,
ווען אפן איז דאס הארץ, פשוטע די רייד,
און צירונג טייערסטע — די פרייד,
ווען ס׳גריסט דיך דא און דארטן אומגעריכט
א שמייכל פריינדלעכער אויף א געזיכט
און א געלעכטער שפריצט ארויס צוגלייך
ווי דאס פליעסקען פון א פישל אין א טייך
און פארשווינדט אין די טיפן פון א בליק
אומצוקערן ווידער זיך צוריק.

כ׳האב ליב דאס יונג, דאס גוטמוטיק געמיט,
ווען איינער לאכט און דו לאכסט מיט,
ווען ס׳איז דיר גוט, נישט וויסנדיק פארוואס,
הערסט ווי ס׳עפנט זיך אין דיר א יעדער שלאס,
און ס׳פליסט א ליבשאפט אומגעצאמט, אומגעשטערט,
ווי אין פרילינג — שפראצונג פון דער ערד,

און זוכסט נישט דיינע שאטנס, דיינע פלעקן,
פאר קיינעם צו פארהילן און פארדעקן.
נאקעט שטייסט מיט אלעם גוטן, אלעם בייזן,
ווי פאר דעם ים אין א זומער־טאג א הייסן.

כ׳האב ליב דאס ברייט, דערהויבנדיק געמיט,
ווען פילסט קיין ווייטיק אייגענעם שוין נישט,
ארויסשפרייזן דו קענסט פון זיך אליין,
צעשיידן זיך מיט אלץ וואס נישטיק און געמיין,
ווען גבורה ריזלט אין דיין בלוט און דו ווערסט שטארק,
אז אויפהייבן געקענט וואלסטו א בארג,
א פייער־וואנט פארשטעלן מיט דיין גוף
און אומגעשטרויכלט דורכגיין יעדן פרווו,
פון דור דעם גרויזאמען אין ראנגלענדיקער וועלט,
ווען בלויז צו בלייבן מענטש, זיין דו מוזט א העלד.

---

די דיכטערין דארא טייטלבוים, איז געווען דער גאסט ביים ארבעטער־רינג אין לאנדאן, וו זי האט געליינט פון איר איצט ניי־דערשינענעם בוך.

---

א רפואה שלימה במהירה דעם ד״ר יעקב י. מייטליס, וועלכער געפינט זיך אויף אן אפעראציע אין שפיטאל.

**יוסף הלל בינענפעלדן** ווינטשן מיר א באלדיקע גענעזונג נאך דער שווערער אפעראציעס, וואס ער האט לעצטנס אדורכגעמאכט. — לשון און לעבן

מזל טוב דעם אייניקל פונם דיכטער יוסף הלל לעווי — **אנעטע טרענער** און איר לעבנס־באשערטן, **אלאן וואלפזאן** צו זייער חתונה. זאלן די עלטערן מיט דער באבע מרים לעווי דערלעבן פיל נחת. —לשון און לעבן

מזל טוב הרב ר׳ **יונה שטענצל** שליט״א און זוגתו צו דער חתונה פון זייער זון, **שלמה** נ״י, מיט דער כלה, **נחמה** שתחיה, די טאכטער פון הרב ר׳ משה הלוי לינשה שליט״א ורעיתו. די חתונה איז פארגעקומען אין בני־ברק י״ד סיון. — א. נ. שטענצל.

---

## יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

(בערנארד באראן סעטלמענט, בערנער סטר. 33, א.1. שבת, 3 א זייגער)

שבת, דעם 8׳טן יולי — די יארצייט פון שלום אש. לייענען פון אש דערציילונגען. מ. דאמב: „אש דער ליריקער פון דער יידישער פראזע״.

שבת, דעם 15׳טן — די יארצייטן פון חיים נחמן ביאליק און דר. הערצל: רעדנער יעקב ריכטיגער און ה. נ. בענקוויטש. פון ביאליקס לידער — לייענען און זינגען נעט רובין און מאיר באגדאנסקי. איבער דעם יעצט פארשטארבענעם לינקן פועלי־ציון־פירער, זרובבל וועטריידן משה דאמב.

שבת, דעם 22׳סטן — דאס טראדיציאנעלע דריי וואכן־און 9־טעג פראגראם.

שבת, דעם 29׳סטן איבער מדרש איכה — יעקב ריכטיגער רעציטער נעט רובין,



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־10 (העפט 429־30) אכט און צוואנציקסטן יאר סעפ.־אקט. 1967 לאנאן

אינהאלט

רמזים צום שנת תשכ״ח, דער נס וואס איז געווען און דער שלום וואס מוז קומען, און צום סוף, ראש־השנה תחינות, יום־כיפור אין קאצק ...... ** 1
מ׳קלייבט חזנים (הומארעסקע) ........ א. מ. קייזער 9
אין וואלד אליין (ליד) ........ עלא זילבערג 12
אב־הרחמים (א תפילה) ........ שמואל ווהייט 12
צו ליכט־בענטשן (ליד) ........ דערעק ריד 13
ניו־יארק א יידיש שטעטעלע (רעפארטאזש) ........ הערץ בערגנער 13
ייד, האסט ליב דעם זינגער (לידער) ........ יוסף לעפטוויטש 17
די געזע ראדאמסק (פאעמע) ........ א. נ. שטענצל 18
שיך (דערציילונג) ........ ש״י עגנון 30
די פרוי (דערציילונג) ........ יוסף ד. באסט 32
די ליבעס און אוואנטורעס פון שמשון הגבור (פאעמא) ...... יעקב ריכטיגער 36
בראשית אין אנהייב (המשך פון קאפיטל) פראזע ........ ש. 46
עיר שלם (ליד) ........ משה דרוקש 54
אין מלכות פון דער יידישער פרעסע (רעצענזיע) ........ ש. י. דארפזאן 55
מיין צוואה (ליד) ........ י. ל. פיין 58
שטריכן איבער איליא ערנבורג ........ משה דאמב 59
קאלירן און קלאנגען פון רבקה קאפע (רעצענזיע) ........ יחזקאל בראנשטיין 60
א שטעקעלע א שטעקעלע אריין ........ ש. 62
יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס ........ 80

לשנה טובהס

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
'LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל
פרייז 2 שילינג

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*